ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה
ספר
# חפץ חיים
## חלק ג'
אידיש

**705**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

כח.

# מזכה זיין די גבירים

דער רעליגעזער איד באטראכט די תורה אלס פאָלקס אוצר און זיך איינצו־שאַפען אַ חלק אין איהר איז זיין לעבענס אידעאַל (ותתן חלקנו בתורתך). א תלמוד׳ישער ווערטעל זאָגט: „דעת קנית מה חסרת, דעת חסרת מה קנית?" (תנחומא ויקרא א׳) אויב דו באַזיצסט ויסען וואָס פעהלט דיר, אויב דיר פעהלט וויסען וואָס באזיצסטו? לויט דער אידישער טראַדיציע קען זאָגאַר איינער וואָס האָט ניט די מעגליכקייט אליין צו לערנען זיך איינשאַפען א חלק אין דער תורה דורך העלפען אנדערע צו לערנען.

אַבוואָהל עס שיינט צו זיין זעהר א לייכטע זאך פאר יעדען גביר צו קריגען א חלק אין דער תורה, דורך העלפען אויפהאַלטען ישיבות און אַנדערע תורה־אינסטיטוציעס, איז אָבער די ווירקליכקייט אַנדערש. וואָס רייכער איינער איז, אַלץ ווייטער שטעהט ער פון דער תורה. זאָגאַר דער יוצא מן הכלל טוט כמעט קיינמאָל ניט אין פראָפּאָרציע צו זיינע מיטלען.

פלעגט טאקע דער חפץ חיים פיהלען גרויס רחמנות אויף אזעלכע גבירים וועלכע זיינען נעביך אַזוי אָרים אין פאַרשטאַנד („אין עני אלא בדעת" נדרים מא. „דוכט זיך קלוגע סוחרים און באַנאַרישען זיך אַרויסלאָזענדיג גאָלדענע עסקים פון זייערע הענד!" א קליינינקייט פאראייביגט צו זיין צווי־שען די בויער פון גייסטיגען אידענטום! דער חפץ חיים פלעגט טייטשען דעם פסוק: „וגם לא לחכמים לחם, וגם לא לנבונים עושר" (קהלת ט׳) אַזוי: אויב מען זעהט אַז די תלמידי חכמים האָבען ניט קיין ברויט איז עס אַ פאַקט אַז די וועלכע באַזיצען עשירות זיינען ניט קיין נבונים.

אויף יעניגע גבירים וועלכע פלעגען יאָ ביישטייערען פאר אידישע גע־לעהרזאַמקייט אָבער ניט אין איינקלאַנג מיט זייערע מעגליכקייטען, פלעגט דער חפץ חיים אויף זיין שטייגער מלמד זכות זיין. ער פלעגט למשל זאָגען: „מענ־שען וואונדערען זיך פאַרוואָס אַזאַ חובב תורה ומוקיר רבנן ווי ר׳ שמעון וואָלף ראָטשילד האָט אין זיין צוואה ניט איבערגעלאָזט כאָטש אַ מיליאָן רובעל פאַר ישיבות! מען פארשטעהט אָבער ניט אז מן השמים לאָזט מען עס בכיון ניט צו. דער רבונו של עולם אין זיין גרויסען חסד וויל דאָך אז יעדער איד זאָל זיך

איינשאַפּען א חלק אין דער תורה. היינט שטעלט זיך פאַר אויב א גביר וועל־כער פאַרשטעהט די טייערקייט פון תורה וואָלט זיין פריי צו טהאָן ווי ער וואָלט באמת בעדאַרפט טהאָן, וואָלט ער דאָך מיט זיין פאַרמעגען אָפּגעקויפט פאַר זיך דעם גאַנצען זכות פון החזקת התורה, טאָ וואָס־זשע וואָלטען דאַן די אָרימע לייט געטאָהן? ווי אזוי וואָלט דער אָרימער וואַסער־טרעגער, דער שוס־טער, דער שניידער, זיך געקאָנט צו עפּעס דערשלאָגען?”

עס איז אגב כדאי צו דערמאָנען ווי אזוי דער פראַנקפורטער ראָטשילד איז געוואָרען איינער פון די שטיצערס פון דער ראדינער ישיבה. געשעהן איז עס אויפ׳ן פאָלגענדען אופן:

ר׳ ישראל מאיר האָט איינמאָל אריינגעשיקט ראָטשילד׳ן זיין ספר „חפץ חיים”. האָט איהם ראָטשילד פאַר דעם געשיקט דריי הונדערט מארק.

ווי באוואוסט, ציהענדיג זיין פרנסה פון די ספרים, פלעגט ער אויסרע־כענען גענוי דעם באַטרעף פון זיין ארבייט ארום זיי. ווי צ. ב., פאַר מגיה זיין, איינפּאַקונג, צוגרייטונג, אוועקשיקען, א. ז. וו., און פאַר דעם נעהמען באַ־צאָהלט און ניט מעהר, האָט דער חפץ חיים געהאַט אַ באַשטימטען פּרייז פאַר יעדען ספר. דאריבער נאָכדעם ווי ער האָט אַראָפּגענומען פון דער סומע דעם באַטרעף פון עטליכע צעהנדליג קאָפּיקעס, האָט ער דעם באַלאַנס צוריקגע־שיקט צוזאַמען מיט אַ בריעף מיטטיילענדיג ראָטשילד׳ן אַז היות ער נעמט ניט קיינע מתנות שיקט ער איהם דאָס געלד צוריק. נאָר אויב ער וויל, קען ער די סומע צוריקשיקען אַלס נדבה פאַר דער ישיבה. ראָטשילד איז זעהר איבערראַשט געוואָרען פון אַזאַ סאָרט בריעף. האָט ער צוגעלייגט ביז דריי טויזענד מאַרק און עס געשיקט צום חפץ חיים פאַר זיין ישיבה, און זייט דאַן איז ער געוואָרען איינער פון איהרע שטיצער.

## דאָס ערשטע מאָל אין מאָסקווע

ווען די ישיבה איז, א דאנק די אונערמידליכע ארבייט פון איהר מנהל דעם גאון און צדיק ר׳ הירש, פאַרגרעסערט געוואָרען און די צאָהל פון איהרע תלמידים האָט געהאַלטען אין איין וואַקסען, איז דער חפץ חיים געצוואונגען געווען זיך פערזענליך צו ווענדען נאָך שטיצע אויסערהאַלב ראַדין און איהר סביבה. און געווענדעט האָט ער זיך צו די וועלכע האָבען זיך, לויט ווי זיין מיינונג, אם מעהרסטען געגויטיגט מ׳זאָל זיי מזכה זיין מיט׳ן זכות פון החזקת התורה — די גרויסע אידישע גבירים.

עס קלינגט כאַראַקטעריסטיש חפץ חיים׳דיג אז בעטענדיג נדבות פאַר דער ישיבה, פלעגט ער אימער הויפטזעכליך אונטערשרייכען דעם זכות פאַר׳ן נדבן איידער די נויטבאַדערפטיגקייט פון די תלמידים אין זייער צופרידענשטעלונג. ער האָט אַמאָל, װעלענדיג מעורר זיין דעם באוואוסטען גראָדנער גביר ר׳ יוסף ליב שערעשעװסקי, אַז ער זאָל ביישטייערען אַ מעהר באַדייטענדע סומע פאַר תורה, צו איהם גוטמוטיג געזאָגט: „ר׳ יוסף, דער אויבערשטער האָט אייך געהאָלפען, דאַרפט איהר װיסען װי אַזוי זיך אַליין צו העלפען". זיין דרך פלעגט זיין: קיינמאָל דרינגליך ניט צו מאָהנען אָדער פאָדערען אַ נדבה. ער פלעגט נאָר מודיע זיין אַז ער נעהמט די נדבה, און אויב יענער װיל עס טהאָן, האָט ער די מעגליכקייט עס צו טהאָן דורך זיין פאַרמיטלונג. „א נדבה, פלעגט ער זאָגען, דאַרף מען זיך צופיעל ניט בעטען, װעט ער האָבען א זכות װעט ער געבען".

אין דער רוסישער הויפט־שטאָט מאָסקװא האָבען זיך שוין דאַן געפונען באוואוסטע אידישע מיליאָנערען װעלכע זיינען באריהמט געװען מיט זייער פילאַנטראָפיע. װען ער איז דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין מאָסקװא איז דער חפץ חיים געגאַנגען צום באַוואוסטען פילאַנטראָפּ ר׳ רפאל גאָץ, װיסאָצקי׳ס אידעם, און האָט געװאָלט פון איהם באקומען אַ סומע פון דריי הונדערט רובעל פאַר זיין ישיבה, זאָגענדיג דערביי אַז ער האָט אויסגערעכענט אַז איהם פערזענליך קאָסט די נסיעה אַזאַ סומע. (מיינענדיג מסתמא אויסער די הוצאות הדרך, אויך דעם היזק פון זיינע עסקים, װעלכעס ער האָט זיכער אַלעס גענוי אויסגערעכענט), װאָלט דאריבער געװען אַ יושר אַז איהם (גאָץ׳ן) זאָל אויך אַזאַ סומע קאָסטען. ניט קענענדיג איהם פון בעפאָר, האָט מר. גאָץ איהם אָנגענומען פאַר אַן איינפאַכען משולח. האָט ער איהם לכתחילה געװאָלט געבען 25 רובעל און נאָכהער 50. אָבער דער חפץ חיים האָט ניט געװאָלט נעמען װיניגער װי 300 רובעל. האָט איהם מר. גאָץ געזאָגט, אַז ער איז זעהר פאַרנומען מיט זיינע עסקים און האָט ניט מעהר קיין צייט צו איהם צו רעדען. „װער װייס, װער ס׳האָט מעהרער קיין צייט ניט?" האָט דער חפץ חיים באַמערקט און איז אַװעקגעגאַנגען.

זייענדיג איבעראַשט פון דער מאָדנער האַנדלונג פון דעם אומבאַקאַנטען אידען, איז מר. גאָץ אין אװענד אװעק צום דאמאָלסדיגען מאָסקװער רב ר׳ אלי׳ ירוחם װייסבוים און איהם דערצעהלט װעגען דעם אויסטערלישען פאַל אז א משולח פאר ראַדינער ישיבה האָט ביי איהם ניט געװאָלט נעהמען א נדבה פון

50 רובעל, נאָר געוואָלט דוקא 300 רובעל. ווען דער רב האָט איהם דערצעהלט אז אָט דער משולח איז ניט קיין אַנדערער ווי דער חפץ חיים, האָט ער זיך גע־פיהלט זעהר אומבאַקוועם און געהאַט גרויס פארדרוס פון זיין האַנדלונג. איז ער אַוועק צום חפץ חיים אויף זיין אכסניא און איהם, איבערבעטענדיג, דער־לאַנגט 1200 רובעל א נדבה.

דער באוואוסטער מאָסקווער אידישער מיליאָנער אברהם ראָזענצווייג איז אין באַגלייטונג פון גביר ר׳ זעליג פערסיץ געקומען וויזיטען דעם חפץ חיים. מר. ראָזענצווייג האָט אויפ׳ן טיש אַוועקגעלייגט 500 רובעל א נדבה לטובת דער ישיבה. דער חפץ חיים האָט זיך אָבער ניט אומגעקוקט אויף דעם געלד און האָט געהאַלטען אין איין רעדען וועגען שמירת שבת. דער גביר, מיינענדיג, אַז די סומע איז צו קליין האָט צוגעלייגט נאָך פינף הונדערט רובעל. אָבער דער חפץ חיים האָט זיך אַלץ אויף דעם געלד ניט אומגעקוקט. „באַטראַכט איהר, רבי, טויזענד רובעל ניט קיין גענוגענדע נדבה?״ האָט איהם ראָזענצווייג גע־פרעגט.

„טויזענד רובעל איז גענוג און איז זעהר א שעהנע נדבה. אָבער איך, פאַרטרעטענדיג די ישיבה תלמידים, בין דער יששכר (וועלכער האָט עוסק גע־ווען אין תורה) און איהר זייט דער זבולון (וועלכער האָט געהאַנדעלט און אויפגעהאַלטען יששכר׳ן), וויל איך דאָך קענען מיין שותף...״ און דער חפץ חיים האָט אויסגעבראָכען אין אַ געוויין. ראָזענצווייג האָט זיך זעהר דער־שראָקען און האָט אַ פאַרציטערטער געפרעגט דעם רבי׳ן פאַרוואָס ער וויינט. אָבער דער חפץ חיים האָט אַ וויינענדיגער אַנגענומען ראָזענצווייג׳ס האַנד און געזאָגט: ווי אַזוי זאָל איך ניט וויינען ווען איך גיב אַ טראַכט אַז אַזאַ גאָל־דענע האַנד וועט ברענען אין גיהנם צוליב חילול שבת!...

ער האָט פון איהם דאָס געלד ניט געוואָלט נעהמען ביז וואַנעט ראָזענ־צווייג האָט איהם מבטיח געווען אַז מהיום והלאה וועט ער זיין אַ שומר שבת, און צו דער ערשטוינונג פון אַלע, האָט ראָזענצווייג פון דאַמאָלסט אָן געשלאָ־סען אַלע זיינע עסקים פאַר שבת.

## צו גבירים אין אַנדערע שטעדט

אויך צו גבירים אין אַנדערע שטעט האָט זיך דער חפץ חיים געווענדעט. ווען דער חפץ חיים איז איינמאָל געקומען קיין לאָדז, האָט דער דאָרטיגער ריי־

כער פאַבריקאַנט באַריס עטינגא געהערט אז ער גרייט זיך איהם צו באַזוכען, האָט ער באפוילען אז ער וויל דעם רבי'ן פארשפּאָרען די טרחה און ער וועט ליבערשט קומען צו איהם. האָט אויף דעם דער חפץ חיים געענטפערט: „צום נדבן דאַרף מען געהן און ניט וואַרטען ביז ער וועט קומען". באַטאַנענדיג מיט א שמייכעל: „אויב ער וועט קומען צו מיר וועט ער שוין דורך דעם האָבען א העלפט פון זיין נתינה אָפּגעצאָהלט". און ער איז צו איהם געגאַנגען און געקראָגען א באדייטענדע סומע פאר דער ישיבה.

דער באַוואוסטער צדיק ר' אליעזר שולאָוויץ (מיסד פון לאָמזער ישיבה) פלעגט דערצעהלען אז איינמאָל האָט ער אין ווארשא באגעגענט דעם גרויסען גביר און סוחר ר' מאיר יואל שווארצשטיין לויפענדיג. האָט ער איהם אָפּגע־שטעלט און געפרעגט וואוהין ער איילט זיך אזוי. האָט איהם שוואַרצשטיין גע־ענטפערט, היות ער האָט געהערט אז דער חפץ חיים איז דאָ אין ווארשא לויפט ער שנעל איהם איבערצוגעבען 500 רובעל אַ נדבה. ר' אליעזר וועלכער איז בטבע אָלס גרויסער בעל מדות געווען זעהר א געלאַסענער, האָט אָבער אַלץ ניט פאַרשטאַנען ווארום ער דאַרף צו דעם לויפען. ביז וואַנעט ר' מאיר יואל האָט איהם פאַרטרויט אַז איינינגע קאָסטאָמער האָבען איהם דעם פריהמאָרגען אָנגעזעצט א באדייטענדע סומע. „אלע כאַפּען — לאָמיך אויך עפּעס כאַפּען!" האָט דער גביר מיט א שמייכעל באַמערקט. אזוי פלעגט שוין דער חפץ חיים האָבען זיינע גבירים וועלכע פלעגען איהם געבען זייער שטיצע פאר תורה. און דער חפץ חיים פלעגט ניט נאָר קריגען געלד פאר זיין אייגענע ישיבה, נאָר אויך פאר אַנדרע. אָפטמאָל פלעגט ער איבערשיקען שטיצע פאַר אַנדערע ישיבות ווי: סלאָבאָדקע, לאָמזע, מיר, קאָוונע, שצוצין, א. א. מעהר ווי אלע האָט ער אָבער געהיט זיין אייגענע ישיבה.

ער האָט ניט ערלויבט קיין אַנדער ישיבה זיך צו רופען מיט'ן נאָמען „חפץ חיים".

אין יאָהר תרמ"ח האָט ר' הירשל'ס ישיבה אין סלאָבאָדקע, ביי קאָוונאָ, אויפגעבויט איהר אייגענעם בנין אויף דער „מתים גאַס" (ווייל די גאַס פיהרט צום בית עולם דאַריבער רופט זי זיך אזוי). האָבען איהר די מנהלים צוליעב דעם א נאָמען געגעבען „חפץ חיים". דאָס האָט פאַראורזאַכט שאדען צו דער ראַדינער ישיבה, ווייל די משולחים וועלכע פלעגען ארומפאָהרען זאַמלען געלד פאַר דער „חפץ חיים" ישיבה אין סלאָבאָדקע, האָט דער עולם געמיינט אז זיי גיבען עס פאר דער ראַדינער ישיבה. אויך האָט ר' ישראל מאיר איבערגע־

קלערט אז דאָס טראָגען דעם זעלבען נאָמען ווי זיין ישיבה קאָן מיינען אז ער איז פאַראַנטוואָרטליך דירעקט אָדער אינדירעקט פאַר דער אינסטיטוציע, האָט ער דאריבער ניט געוואָלט טראָגען קיין אחריות פאַר אַן אנשטאַלט איבער וועלכען ער האָט ניט געהאַט קיין אויפזיכט. ער האָט ניט גערוהט ביז וואַנען דער צדיק ר׳ הירשל לעוויטאַן, און זיין איידעם דער גדול ר׳ אביגדור מאַנקע־וויץ, האָבען איבערגעביטען דעם נאָמען אויף „אור החיים״ ישיבה. און צו איהם איבערגעשיקט אַלע געדרוקטע פאַפּירען צוזאַמען מיט אַלע חותמות.

## אַ צוואָה פאַר זיך אַליין

אָפטמאָל פלעגען אידען קומען כדי זיך שואל עצה זיין מיט איהם, ניט נאָר וועגען עסקים וועלכע האָבען אַ שייכות מיט׳ן לעבען אָדער געזונד, נאָר אויך וועגען ענינים וועלכע האָבען צו טאָהן לאחר מאה שנה. פלעגט זיי דער חפץ חיים שטענדיג מזהיר זיין זיך ניט סומך צו זיין אויף קינדער אויף זייער קדיש אָדער משניות למודים. „דאָס בעסטע איז צו לערנען משניות נאָך זיך אַליין, טהאָן אַליין וואָס איינער קאָן, און כל זמן ער איז אימשטאַנד״.

זייענדיג איינמאָל אין סלאָנים איז צום חפץ חיים געקומען אַ איד, אַ באַ־קאַנטער נגיד ר׳ יוסף פישער מיט אַ בקשה אַז ער זאָל דורכקוקען זיינע אַ צוואה וואָס ער האָט לעצטענס געשריבען און איהם זאָגען אויף דעם זיין הסכמה. ר׳ יוסף האָט אין זיין אויסגעמאַכטע צוואה צוטיילט זיין פאַרמעגען פון פערציג טויזענד רובעל מזומן אויף פיער חלקים: צעהן טויזענד רובעל פאַר יעדען איינעם פון זיינע דריי קינדער, און צעהן טויזענד רובעל פאַר זיין פרוי. אויך האָט ער אַנדערע געלד און מטלטלים צוטיילט פאַר קרובים. אַלע ספרים פון זיין רייכע ביבליאָטעק האָט ער אָפּגעשריבען פאַר ישיבות.

ווען דער חפץ חיים האָט די צוואה איבערגעלעזען, האָט ער עס צוריק דער־לאַנגט דעם נגיד מיט דער באַמערקונג:

„אדרבא ר׳ יוסף, לעזט עס אליין דורך נאָך אַמאָל און געפינט אויס אייערע געמאַכטע טעותים!״

האָט איהם ר׳ יוסף געפאָלגט. האָט ער אָבער דאָרט קיין שום טעות ניט באַמערקט. האָט ער זיך געווענדעט צום חפץ חיים מיט די ווערטער: „מיר קומט אויס, רבי, אז איך האָב קיין טעות ניט געמאַכט. עס דאַכט זיך מיר, אז אַלץ איז ריכטיג״.

האָט דער חפץ חיים צו איהם געזאָגט:

„עס איז מיר ראשית א גרויסער וואונדער אויף אייך, ר׳ יוסף, אז איהר זאלט איבערלאזען די גאנצע געלד פאר משפחה און אלע ספרים פאר בני הישיבה. ס׳האט טיילוייז בעדארפט זיין פארקעהרט. לאזען א חלק געלד פאר די בני הישיבה און אביסעל ספרים פאר די קינדער... די בני הישיבה פעהלט דאך ניט אזוי קיין ספרים ווי געלד אויף צו עסען! והשנית, זעה איך אז אין אייער צוואה האט איהר עובר געווען אויפ׳ן פסוק: „ומבשרך אל תתעלם״. „בשרך״ מיינט טאקע קרובים, אבער דער נאהענטסטער קרוב איז דאך דער מענש צו זיך אליין. „אדם קרוב אצל עצמו״ וואו־זשע זייט איהר אין דער וועלט? אייך אליין קומט גארניט? איהר, וועלכער האט זיך מעהר ווי אלע אנדערע געמאטערט אויף אייער פארמעגען, האט זיך דאך זעלבסט בעדארפט פאררעכענען אזוי גוט ווי א קינד! זאל זיך אייך דאכטען אז איהר האט פיער קינדער! נעהמט פאר זיך א חלק און צוטיילט עס אויף צוויי טיילען. איין חלק אויף תורה און דעם אנדערען אויף חסד, צו העלפען ארימע, קראנקע און נויטבאדערפטיגע. ובפרט דער חלק אויף תורה האט אין זיך א פיעלפאכיגע מצוה, ווייל אין דעם ווערט דאך איינגעשלאסען אויך חסד, העלפענדיג ארימע תלמידי חכמים מיט עסען און קליידונג א. ז. וו., און דערצו ערמעגלכען זיי צו לערנען.״

דער נגיד האט גלייך אויף דעם איינגעשטימט און האט צוגעזאגט די צוואה איבערצושרייבען און צוצוטיילען זיין פארמעגען אויף פינף טיילען אנשטאט פיער.

אבער דער חפץ חיים האט צו איהם ווידער געזאגט:

„מיין עצה צו אייך, ר׳ יוסף, איז אבער אויך אז אייער חלק פון אכט טויזענד רובעל זאלט איהר ביי אייער לעבען עס אליין איבערגעבען צו די נויטיגע מוסדות און ניט ווארטען אויף לאחר מאה שנה, אז מען זאל עס דארפען מאהנען פון אייערע קינדער. מיר ווייסען דאך על פי רוב באשרייטען קינדער אזא מין צוואה. זיי שטעלען אן א גוטען אדוואקאט, וועלכער זוכענדיג די צוואה צו פסלנ׳ן, פראדוצירט פאלשע באווייזע צום געריכט אז דער פאטער איז בעת מעשה געווען ניט ביים פולען זינען, אדער גאר משוגע, און אז די צוואה איז דאריבער ניט גילטיג.

שטעלט זיך פאר, אז מען וועט אויפ׳ן עולם האמת דורכלייענען אייער

צוואה צוזאַמען מיט די פאַבריצירטע עדות פון אדוואָקאַט, וועט אויסקומען אז ניט איהר ר׳ יוסף פישער, אַ קלוגער און בר דעת, און דער בעל צוואה, נאָר גאָר עפּעס אַ יוסף משוגענער.... אַנדערש וועט עס אָבער זיין אויב איהר וועט עס איבערגעבען פאַר די הייליגע אינסטיטוציעס מיט אייערע אייגענע הענד אַליין. ר׳ יוסף! פאַרלאָזט זיך ניט אויף קיינעם!״

## כט.

# דער „אהבת חסד"

זייט דער ערשיינונג פון דעם ערשטען חלק „משנה ברורה" אין יאָהר תרמ"ג האָט דער חפץ חיים פון צייט צו צייט ארויסגעגעבען די איבעריגע טיילען ביז'ן יאָהר תרס"ז, ווען עס איז ענדליך ערשינען דער זעקסטער חלק. דאָס האָט אזוי לאַנג געדויערט, ווייל דער מחבר איז גלייכצייטיג אויך געווען פאַרנומען מיט'ן פאַרפאַסען אַנדערע וויכטיגע ספרים, כדי אויפצוקלערען און באלייכטען די פארשיידענע פראָבלעמען פון דאָס טראַדיציאָנעלע אידענ־טום.

אין יאָהר תרמ"ה איז ערשינען זיין ספר „אהבת חסד", וועלכער באַ־שטעהט פון צוויי חלקים: דער ערשטער חלק באַהאַנדעלט די פרינציפּען פון חסד פון דעם ריינעם הלכה שטאַנדפונקט, און דער צווייטער חלק ענטהאַלט א מאָראלישע און עטישע אָפּהאַנדלונג וועגען די ענינים פון חסד, ווי צדקה, הכנסת אורחים, הכנסת כלה, ביקור חולים, הלוית המת, באציהונגען צווישען אַרבייטער און אַרבייט־געבער, עהרליכקייט אין מסחר'ן, א. אז. וו. דער מחבר באַהויפּטעט צווישען אַנדערעס, אַז די גאַנצע תורה איז באַגרינדעט אויף גמילות חסדים. „עולם חסד יבנה" — די וועלט איז געבויט אויף דער מדה פון חסד. חסד איז דער יסוד פון דער גאַנצער בריאה. עס איז דער רוקען־ביין פון דער געזעלשאפטליכער אָרדנונג. די ווערטער: „בורא נפשות רבות וחסרונן להחיות נפש כל חי" ווערט ביי איהם אזוי ערקלערט. דער אויבערשטער האָט באַשאַפען מענשען מיט זייערע פעהיגקייטען. יעדער איינער באַזיצט זיינע חסרונות, אַ יחיד אזוי ווי אַ פאָלק. אָט די חסרונות זיינען גלייכצייטיג אָבער אויך מעלות, דערמיט וואָס זיי מאַכען איין מענשען אָפּהיינגיק אָן דעם צווייטען. עס מאַכט אונמעגליך פאַר איינעם צו לעבען אָפּגעזונדערט, יעדער איינער איז ממלא דעם חסרון פון אַנדערען. נמצא, אַז אַ דאַנק וואָס דער רבונו של עולם האָט געשאַפען יעדען מענשען מיט זיינע באַגרעניצונגען העלפט

עס „להחיות נפש כל חי״ — אַז מענשען זאָלען לעבען געזעלשאַפטליך אין האַרמאָניע און ניט זיין אָפּגעזונדערט, ווייל איינעם׳ס חיות איז תלוי אַן אַנדערען, ווייל דאָס וואָס פעהלט איינעם איז משלים דער אַנדערער!

דער לעבענס אידעאַל פון חפץ חיים איז תמיד געווען ניט נאָר צו דער־נעהענטערען די הערצער פון זיינע ברידער צום רבונו של עולם, נאָר אויך מקרב צו זיין איין אידען צום אַנדערען. די מצוות „שבין אדם לחבירו״ זיינען ביי איהם געווען אזוי וויכטיג און נויטיג ווי די „מצוות שבין אדם למקום״. עס איז אזוי ווי א מענש וועלכער האַלט זיך אויף צוויי פיס, וועלכער פוס עס זאָל איהם ניט פעהלען, איז ער אַלץ אַ קאַליקע.

דער באַוואוסטער זשורנאַליסט אפרים קאַפּלאַן דערצעהלט, אַז זייענדיג אין ראַדין האָט ער געפרעגטביים חפץ חיים וואָס מען דאַרף אָפּהיטען כדי צו זיין אַ גוטער איד. דער חפץ חיים האָט איהם געענטפערט: „אַ איד דאַרף מקיים זיין אַלע דינים פון שלחן ערוך״.

„אויב אזוי, רבי״, האָט איהם ה׳ קאַפּלאַן ניט אָפּגעלאָזט, „שליסט איהר דאָך אויס ניינציג פּראָצענט אידען פון דעם?״

האָט איהם דער חפץ חיים גוטמוטיג ערקלערט: „ווען איהר געהט אריין אין אַ מאַגאַזין און פאַרלאַנגט הונדערט פּראָצענט ריינע משקה, וועט מען עס אייך געבען. אויב עס איז צו שטאַרק פאַר אייך, צומישט איהר עס אליין, אָבער צום פאַרקויפער האָט עס ניט. ער גיט אייך הונדערט פּראָצענטיגע ריינע שפּי־ריטוס. אין דעם פאַל איז אויך אזוי. איהר האָט דאָך מיר געפרעגט ווער עס איז אַ פאָלקאָמענער איד, א הונדערט פּראָצענטיגער, האָב איך אייך אויף דעם געענטפערט, אז מען קאָן עס נאָר דערגרייכען ווען מען איז מקיים דעם גאַנצען שלחן ערוך בכל פרטיו ודקדוקיו, אנדערש איז עס ניט קיין ריינע אידישקייט״.

און דער חפץ חיים פלעגט עס נאָך טיפער ערקלערען: עס זיינען פאַראַן 613 מצוות (תרי״ג), 248 עשה׳ן — פּאָזיטיווע געבאָטען, קעגען די 248 אברים פון מענשען, און 365 לאו׳ן — נעגאַטיווע מצות, קעגען די 365 אדערען פון מענשליכען אָרגאַניזם, וועלכער איז אַ צוזאַמענשטעלונג פון מאַטעריע און גייסט. ד. ה. אז יעדער גליד אין דעם מענשליכען וועזען איז אינערליך גייסטיג. דאָס פיזישע איז בלויז אויסערליך אזוי ווי א לבוש, א קלייד אדער צודעק, אזוי ווי דער פסוק זאָגט: „עור ובשר תלבישני ובעצמות וגידים תשככני״ (איוב י׳). יעדער מצוה איז צוגעפּאַסט צו איהר געהעריגען טייל, געבענדיג איהם חיות.

דאריבער איז וואָס פאַר אַ מצוה עס זאָל דעם מענשען ניט פעהלען הייסט ער אַליין אַ בעל מום . . .

דאָס וואָס אידען זיינען גאָהענט איינער צום אַנדערען, דאָס וואָס איינער פיהלט דעם אַנדערענ׳ס ליידען און סימפּאַטיזירט מיט יענעם אין זיינע נויטען זוכענדיג איהם באמת צו העלפען, דאָס גופא דערנעהנטערט דעם אידען צום רבונו של עולם. מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלען דעם תענוג וואָס עס פאַר־שאַפט אַ טאַטען צו זעהן ווי זיינע קינדער ליבען זיך און זיינען איבערגעגע־בען איינער צום אַנדערען.

אין דער ישיבה אין ראַדין עקזיסטירט א חברה „גמילות חסדים” וועלכע ווערט אויפגעהאַלטען ביי און פאַר די תלמידים. האָט זיך דער חפץ חיים איין מאָל געווענדעט צו איינעם פון די וואוילע תלמידים, אַ גרויסען מתמיד, און איהם געבעטען אַז ער זאָל אָננעהמען צו ווערען דער גבאי פון דער גמ״ח.

האָט איהם דער בחור געענטפערט, אז ער וויל ליבערשט זיצען און לער־נען און האָט דאריבער ניט קיין צייט זיך אפצוגעבען מיט׳ן גמילות חסד. האָט איהם דער רבי דערמאָנט די ערצעהלונג פון תלמוד, אַז רבא מיט אביי׳ן האָבען ביידע געשטאַמט פון עלי הכהן׳ס משפחה, אויף וועלכער עס איז נגזר געוואָרען אַז איהרע מיטגלידער זאָלען שטאַרבען יונג, „וכל מרבית ביתך ימותו אנשים” (שמואל א׳ ב׳). רבא, וועלכער האָט עוסק גע־ווען אין תורה האָט געלעבט פערציג יאָהר, ווערענד אביי, וועלכער האָט עוסק געווען אין ביידע זאַכען, תורה און גמילות חסדים, האָט געלעבט זעכ־ציג יאָהר (ראש השנה י״ח, ע״א).

„אויב אזוי, קענט איהר דאָך שוין עוסק זיין אין גמילות חסדים און איהר וועט שוין ממילא האָבען גענוג צייט”! — האָט דער חפץ חיים געענטפערט.

אין זיינע ערשטע ווערק האָט זיך דער חפץ חיים הויפּטזעכליך קאָנצענ־טרירט אויף די פליכטען בין אדם לחבירו — ניט צו פאראורזאַכען יענעם אַ שאדען נאָר פּראַקטיצירען חסד איינער מיט׳ן אַנדערען.

אין ספר „אהבת חסד” וואונדערט זיך דער מחבר וואָס מענשען זוכענדיג סגולות און עצות צו האָבען קינדער פאַרשווענדען געלד אויף אַנדערע זאַכען, וועלכע זיינען ניט אזוי ווירקזאַם ווי די סגולה פון אונזערע חכמים, וועלכע עצה׳ן מען זאָל טהאָן חסד, העלפענדיג די נויטבאַדערפטיגע אין אַלע הינזיכ־טען מיט אייגענע מיטלען אדער זאַמלענדיג פון אַנדערע. אַלס אילוסטראַציע

דערצעהלט דער חפץ חיים א מערקווירדיגע פּאַסירונג וואָס ער האָט אליין מיט זיינע אויגען בעאָבאַכטעט:

איינער וואָס האָט געהאַט קינדער און זיי זיינען געשטאָרבען, איז איינמאָל געקומען צו אַ חכם און געבעטען ער זאָל איהם געבען אַן עצה און סגולה, אַז די קינדער זאָלען זיך ביי איהם האַלטען. האָט ער איהם געענטפערט, אַז ער ווייסט ניט פון קיינע סגולות, נאָר זיין עצה איז אזוי ווי אין שטאָדט פעהלט אַ גמילות חסד, זאָל ער זיך נעמען אַזאַ אינסטיטוציע צו גרינדען און אין דעם כסדר עוסק זיין, און האָפען אַז בזכות פון דעם חסד וואָס ער וועט אויף דעם אופן טאָהן מיט אַנדערע וועט השם יתברך טאָהן מיט איהם חסד, ער זאָל זוכה זיין צו האָבען קינדער, וועלכע וועלען זיך ביי איהם האַלטען — „זרעא של קיימא".

דער איד האָט געפאָלגט דעם תלמיד חכם און געגרינדעט אַ שטענדיגען גמילות חסדים. צווישען די תקנות איז אויך געווען אַ פּונקט, אַז איינמאָל אין דריי יאָהר, אין דער וואָך בעת מען לייענט די סדרה פון „אם כסף תלוה" (משפטים) זאָלען זיך אַלע מיטגלידער פון אַנשטאַלט פארזאַמלען און מאַכען אַ סעודה לשם חזוק המצוה.

צום סוף פון די ערשטע דריי יאָהר איז ביי איהם געבוירען געוואָרען אַ זוהן. און אַלס סימן אַז עס איז געווען בזכות פון דער מצוה, איז דער טאָג פון ברית גראָד אויסגעפאַלען אין דעם זעלבען טאָג אויף וועלכען זיי האָבען נאָך מיט אַ צייט פריהער באַשטימט זייער פאַרזאַמלונג. ער האָט אין פארלויף פון פיעלע יאָהרען זיך באַשעפטיגט מיט דער מצוה און פאַר דער צייט געבוירען פיעלע קינדער.

דער גמילות חסד איז שפּעטער געוואָרען פיעל פאַרגרעסערט. האָט ער, זייענדיג פאַרנומען מיט זיינע עסקים, געבעטען דעם תלמיד חכם ער זאָל איהם ערלויבען זיך אָפּצוזאָגען פון זיין גבאות לטובת אַן אַנדערען. גלייכ־צייטיג האָט ער גע׳טענה׳ט, אַז דער עולם איז מתרעם אויף איהם פאַרוואָס ער איז אַ גבאי אַזאַ לאַנגע צייט. דער חכם האָט אָבער בשום אופן ניט געוואָלט צושטימען צו דעם, זאָגענדיג אַז קיינער וועט דעם גמ"ח ניט קאָנען אזוי גוט פיהרען ווי ער און אַז ער זאָל ניט פאַרגעסען דעם חסד וואָס דער רבונו של עולם האָט געטהאָן מיט איהם. ער האָט אָבער אַלץ געהאַלטען אין איין דערקוטשען דעם חכם, אַז ער זאָל מסכים זיין צו זיין רעזיגנאַציע. און עס איז געשעהן אַז אַן אַנדערער וואָס איז געלאָפען קעגען איהם אין אַ

קלפי איז ערוועהלט געוואָרען צום אמת, האָט ער זיך אַ צופרידענער צוריקגע־צויגען. דאָס האָט פּאַסירט אַנהויב אָווענט. גלייך אויף מאָרגענס איז ער געקומען צו לויפען צום חכם און איהם וויינענדיג דערצעהלט, אַז אין מיטען דער נאַכט האָט ביי איהם אַ שרעקליכער אומגליק פּאַסירט, זיינס אַ קליין קינד איז דערשטיקט געוואָרען.

אויפ׳ן חכם׳ס עצה האָט ער זיך ווידער אריינגעוואָרפען אין דער מצוה און פון דאמאלט אָן עס שוין שטענדיג אָנגעהאַלטען.

דער מחבר פיהרט אויס, אַז בזכות החסד האָט ער געבוירען קינדער און אזוי גיך ווי די מדת החסד האָט זיך פון איהם אָפּגעטהאָן האָט זיך איבער איהם געשטאַרקט די מדת הדין.

דער נאָמען פונ׳ם חכם ווערט אין ספר ניט דערמאָנט און לייגענדיג מאַכט עס דעם איינדרוק, אַז עס האָט פּאַסירט מיט אַ זייטיגען מענשען. אָבער דער אמת איז, אַז די געשיכטע איז געשעהן אין ראדין און אַז דער חכם איז געווען קיין אַנדערער נאָר טאַקע דער חפץ חיים אליין.

אזוי האָט אַמאָל דעם שרייבער פון די שורות איבערגעגעבען ר׳ יוסף ארזשאכאווסקי פון פינסק, וועלכער איז גראָד געווען דאַמאָלט אַ תלמיד אין דער ראדינער ישיבה און דאָס זעלבע ווערט אויך באַשטעטיגט פון אַנדערע אָנוועזענדע, ווי הרב י. מ. ראַבינאָוויץ פון שצוצין, א. א. וו.

## ל.

# זיין זוהן, ר׳ אברהם ז״ל

פון זיין ערשטען זיווג האָט דער חפץ חיים געהאַט פיער קינדער, צוויי זיהן און צוויי טעכטער. ר׳ אברהם האָט געהייסען דער אינגערער זוהן. ער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר תרכ״ט. ווען ער איז נאָך גאָר יונג געווען האָט מען שוין דערקענט זיינע פענאָמענאַלע עלוי׳שע כשרונות. גדולים האָבען באַוואונדערט די טיפע הבנה און פלינקייט פון זיין תפיסה. דאָס שאַרפקייט און טיפקייט פון זיין לאָגיק. זיין זכרון און געדאַנקען־קאָנצענטראַציע זיינען געווען פלאים׳דיג. זיין דרך אין לערנען איז געווען אזוי ווי דער פון די ראשונים. זיין געניאַליטעט האָט מען דערהויפט ארויסגעזעהן ווען ער פלעגט זיך מעמיק זיין אין אַ שווערע סוגיא פון ש״ס, און מיט אויסגעוועהנליכע ברייטקייט און דורכדרינגליכקייט קלאָר מאַכען דעם גייסט און אינהאַלט פון יעדען ענין.

ווען דער חפץ חיים האָט אין יאָהר תרמ״א ארויסגעגעבען זיין ספר „מחנה ישראל" איז נאָך זיין זוהן אברהם קיין צוועלף יאָהר ניט אלט געווען, און דאָך ברענגט שוין דאָרט דער חפץ חיים אַ טיעף לומד׳ישע הערה פון איהם באַזירענדיג אויף דעם יסוד אַ געוויסע הלכה למעשה (פרק ל׳ג). ווען ער איז זעכצעהן־זיבעצעהן יאָהר אַלט געווען נאָכדעם ווי ער האָט אין יאָהר תרמ״ד געלערענט אין דער ישיבה אין סלאבאדקע, איז ער אוועק קיין וואָלאָזשין צו לערנען אין דער דאָרטיגער ישיבה. דער גאון ר׳ הירש ליב האָט זיך מיט איהם זעהר פיעל משתעשע געווען. אין דער קורצער צייט וואָס ר׳ אברהם האָט דאָרט געלערענט האָט ר׳ הירש ליב ממש זיין אויג פון איהם ניט אַראָפּגענומען. ר׳ אברהם האָט אמאָל אליין דערצעהלט, אז ר׳ הירש ליב האָט איהם געהאַט גע׳מוסר׳ט ווען ער האָט איינמאָל בעת קידוש לבנה באַמערקט אז ער איז ניט געשטאַנען גלייך אויפ׳ן אָרט אזוי ווי דער שלחן ערוך פאָדערט עס („ומישר רגליו ומברך מעומד" — אורח חיים, סימן תכ״ו). ער האָט איהם אויסגערעדט: „דעם חפץ חיים׳ס זוהן דאַרף זיין פרימער!"

אין זומער פון יאָהר תרמ"ו איז אויסגעבראָכען די שריפה אין וואָלאָזשין, וועלכע האָט צושטערט די גאַנצע שטאָט און אויך די ישיבה. די גאַנצע צייט פון פייער האָט אברהם, אַזוי ווי אַלע תלמידים פון דער ישיבה, געאַרבייט זעהר שווער טראַגענדיג כסדר וואַסער צו העלפען לעשען די שריפה. דער ווינט איז אָבער געווען שטאַרקער פון זיי און אלעס איז אָפּגעברענט געוואָרען. ניט האָבענדיג וואו צו זיין, איז גלייך נאָכדעם אברהם מיט א גרופּע בחורים אוועק צו פוס צו דער נאָהענטסטער שטאָט באקשט (פיער רוסישע מייל פון וואלאזשין). זייענדיג דורכגעשוויצט און אויסגעמאַטערט, האָט ער זיך צוגעקיהלט און איז קראַנק געוואָרען, זיינע לונגען זיינען אָנגעגריפען געוואָרען. ער האָט זיך צוריקגעקערט אהיים. אלע באמיהונגען פון זיינע עלטערען איהם צו ראַטע־ווען האָבען ניט געהאָלפען. ער איז געוואָרען וואָס ווייטער אַלץ שוואַכער. טראָץ אַלע וואָרנונגען פון די דאָקטורים אַז ער טאָר ניט לערנען האָט ער זיך פון תורה בשום אופן ניט געקענט אָוועקרייסען. פיהלענדיג ווי די כחות פארלאָ־זען איהם, האָט ער זיך ניט איין מאָהל צעוויינט: „איך בין דאָך אַזוי יונג און האָב אַזוי ווינציג געלערענט!" אָבער ווען די ליידען האָבען איהם אָפּגעלאָזט פלעגט ער זיין מונטער און פרעהליך. ניט איין מאָל האָט ער אויסגערעדט מאַנכע חברים אין דער ישיבה, וועלכע פלעגען לערנען מיט אן אומעטיגען ניגון, אַז די תורה דאַרף מען לערנען מיט שמחה און די אַטמאָספּערע דאַרף ניט זיין קיין עצבות'דיגע, ווייל „פקודי ה' ישרים משמחי לב."

ער האָט פיעל געהאָלפען זיין גרויסען פאָטער אין זיינע חיבורים, ווי דער חפץ חיים אַליין דערצעהלט עס:

„והיה גדול בתורה ובמעלות עד להפליא ועזרני הרבה הרבה בסידור החיבור הזה. גם הרבה מחידושי תורה „בזבת תודה" הם שלו, והיה עמקן נפלא ובעל סברא ישרא, וגם בשניו האחרונות שנחלשו כחותיו, כי היה חלוש גדול כמה שנים — לא יצא למוש מתוך אהלה של תורה, ועמל הרבה על סידור ההלכות שבחיבור הזה" (הקדמה צום ספר „לקוטי הלכות", ח"א). אויך אין „ביאור הלכה" (משנה ברורה, ח"ג, סימן של"ג), נאָכדעם ווי דער חפץ חיים ציטירט אַ שטיק וואונדערבאַרע תורה, פאַרענדיגט ער: „דאָס אַלעס האָב איך קאָפּירט פון אַ מאַנוסקריפּט פון מיין זוהן המנוח הגדול ובעל מדות טובות כמוה"ר אברהם זללה"ה, שנפטר בעוונותינו הרבים בן כ"ג שנה, כ' כסלו, תרנ"ב". ער איז, אַלזאָ, אַלט געווען 23 יאָהר ווען ער איז נפטר געוואָרען.

בעת זיין פטירה איז גראד דער חפץ חיים אין ראדין ניט געווען. ער איז געווען אין ווארשא צוליב זיינע ספרים. ער איז איינגעשטאנען ביי זיינעם א ידיד, הרב ר' איטשע גראדזענסקי. דעם שבת בעפאר, האט ער זיך אין דער פריה אנטשולדיגט פאר די בני בית, היות ער פיהלט זיך ניט גוט קען ער ליידער מיט זיי דאס מאל ניט עסען צוזאמען, נאר ער וויל בעסער בלייבען ביי זיך אין חדר א גאנצען טאג. האט ר' איטשע, אליין וועלענדיג משמש זיין דעם ליבען און טייערען אורח, איהם אריינגעטראגען עסען. זעהענדיג אז ער איז מעהר ניט טועם ווי אבי יוצא צו זיין, האט ער איהם געפרעגט די אורזא־כע, האט דער חפץ חיים איהם פארטרויט, אז ווען ניט שבת וואלט ער דעם טאג געפאסט א תענית חלום, ווייל פרייטאג־צו־נאכט האט ער געהאט א חלום אז א ספר תורה איז איהם ארויסגעפאלען פון זיין האנט.

נאר שבת האט דער חפץ חיים ערהאלטען א טעלעגראמע אז ער זאל תיכף קומען אהיים. ער איז גלייך געפאהרען. אנגעקומען איז ער בייטאג. ווען ער איז אראפ פון דער פוהר האט ער באמערקט דעם עולם שוין געהענדיג צוריק פון בית עולם. אלע זיינען געווען פארוויינט און צובראכען. דער חפץ חיים אליין איז גלייך א רוהיגער אריין צו זיך אין הויז און זיך אוועקגעזעצט שבעה. קיין טרער האט מען אויף זיין פנים ניט געזעהן, און ניט געהערט פון איהם קיין זיפץ. "די וועלט", האט ער געזאגט, "האט פארלוירען א גרויסען גאון. זייענדיג קוים זעכצעהן יאהר האט ער שוין געזאגט תורה כאחד הגדולים"! און האט אויסגעפיהרט: „ה' נתן וה' לקח יהי שם ה' מבורך מעתה ועד עולם — יעצט וויים איך אז איך בין א איד!" האט ער פארענדיגט, און האט דערביי דערצעהלט די מעשה וואס ווערט איבערגעגעבען אין ספר „תולדות אדם" (פרק ט"ז): אין דער צייט פון דער אינקוויזיציע אין שפאניע, אין יאהר רנ"ב, האבען די בלוטדורשטיגע רשעים פאר די אויגען פון א מוטער א צדיקת גע־שחט'ען איהרע צוויי ליבע און טייערע קינדער. די העלדישע פרוי האט דאן מוטיג געווענדעט איהרע אויגען צום הימעל און מיט א געשטארקטער הארץ געשעפטשעט א תפילה: "רבונו של עולם, אמת איך האב דיך טאקע אייביג געליבט, דאך כל זמן איך האב געהאט מיינע טייערע און ליבע קינדער איז מיין הארץ געווען צוטיילט, עס איז דארט געווען אויך אן ארט פאר ליבע צו זיי; איצט אבער, אז מיינע קינדער זיינען שוין מעהר ניטא, איז שוין אין מיין הארץ אינגאנצען א נעסט פאר מיין ברענענדיגער אהבה צו דיר... יעצט

וועל איך באמת קאָנען מקיים זיין דעם „ואהבת את ה׳ בכל לבבך ובכל נפשך״ — דיך צו ליבען מיט׳ן גאַנצען הארצען.״

און דער חפץ חיים האָט דעמאָלט מיט התלהבות אויסגערופען: ״רבונו של עולם, די ליבע וואָס איך האָב ביז יעצט געפיהלט פאַר מיין קינד, גיב איך דיר אַוועק!״

עס איז אינטערעסאַנט אַ טרייסט־בריעף וואָס דער חפץ חיים האָט „צום גדליהו״ פון יאָהר תרנ״ג, געשיקט צו זיין פריינד און יוגענד־חבר, ר׳ חיים ליב הכהן פון טיקטין, ווען דער לעצטער האָט פאַרלוירען זיינעם אַ מצוינ׳־דיגען זוהן, אַ גדול בתורה און אַ גרויסער בעל מדות, וועלכער איז גראד גע־ווען אַ תלמיד פון זיין ישיבה. ער שרייבט איהם טיילווייז ווי פאָלגט:

״אהובי ידיד נפשי, איך בין אויפגעטרייסעלט געוואָרען, דערהערענדיג פון דער פטירה פון אייער טייערען זוהן... איך פיהל אייער צער וואָס איז אומגעהויער גרויס. אָבער לויט ווי מיר ווייסען פון אונזער הייליגער תורה זיינען די יסורים פון פאָלק ישראל אזוי ווי אַ פאָטער שטראָפט אַ קינד... ס׳איז דאָך ידוע פון ספרים אַז די ליבע פון השם יתברך צום מענשען איז מעהר ווי דער מענש ליבט זיך זעלבסט. און דאָס וואָס דער מענש לידעט איז אַמאָל צוליב׳ן כלל ישראל. דער צדיק קומט אָפּ צוליב די זינד פון דור... דער שכר פון אַזעלכע לײדען איז געוויס זעהר גרויס און דער תיקון זעהר פיעל... דאריבער איז ניט פאַר אונז זיך צו זאָרגען צופיעל איבער אַזעלכע ענינים.

״מיין ליבער און טייערער פריינד, אויך איך אַליין בין לעצטען ווינטער געשלאָגען געוואָרען מיט אַזאַ קלאַפּ, פאַרלירענדיג מיין זוהן הבחור אברהם ז״ל, וועלכער איז געווען אַ גדול בתורה ומעמיק נפלא און עס געפינט זיך גאָר כמעט ניט זיין גלייכען אין אונזער דור. ער איז אויך געווען אַ איש גומל חסד. אָבער מיט איין זאַך טרייסט איך זיך — מיט דער האָפנונג אַז ווען איך וועל, לאחר מאה שנה קומען פאַר׳ן כסא כבודו יתברך (יענע וועלט) וועל איך זיך ניט דאַרפען שעהמען מיט איהם. דאָס זעלבע זאָג איך צו אייך, מיין ידיד נפש, אויך אייער זוהן איז געווען אַ יקר ונחמד און לאחר מאה שנה וועט איהר זיך אויך ניט דאַרפען מיט איהם שעהמען . . . ובהדי כבשי דרחמנא למה לך״!

ווען אַ באַקאַנטער האָט איינמאָהל באַגעגענט דעם חפץ חיים אין וואַרשאַ, ניט ווייסענדיג אַז ר׳ אברהם איז שוין ניטאָ, האָט ער איהם געפרעגט וואָס ער מאַכט, האָט איהם דער צדיק אַ רוהיגער געענטפערט, אַז ער איז אַוועק אין אַ ישיבה — מיינענדיג די „ישיבה של מעלה״. דאָס איז כאַראַקטעריסטיש חפץ

חיים׳דיג. די ישיבה של מעלה, וואו מ׳לערנט און מען איז עוסק אין תורה און אַז ביי בית דין של מעלה וועט מען פאַרהערען אין לערנען, איז שטענדיג געוועזן פאַר איהם אַ לעבעדיגע זאַך.

מען דערצעהלט אַז ווען דער איישישקער דיין, ר׳ אליעזר טורעצער, וועל־כער איז געווען אַ גרויסער למדן און צדיק, איז קראַנק געוואָרען און האָט דערפיהלט, אַז זיין צייט דערנענטערט זיך, האָט ער געבעטען אַז ער וויל זעהן דעם חפץ חיים. ווען דער לעצטער איז געקומען האָט איהם דער קראַנקער געזאָגט היות ער פיהלט, אַז זיין טויט איז שוין נאָהענט און אַז זיי־נע טעג זיינען געצעהלטע, שרעקט ער זיך זעהר פאַר׳ן יום הדין. זייענדיג זיינע רוב יאָהרען אַ דיין אין איישישאָק וועט מען דאָך איהם, ביים בית דין של מעלה, געוויס עקזאַמינירען צי ער איז קלאָר אין ״חושן משפט״. האָט ער זיך דעריבער געבעטען מיט תחנונים ביים חפץ חיים, אַז ער זאָל נעמען אַ „חושן משפט״ און איהם פאַרהערען צי ער געדיינקט די מעהרסטע דינים, ווייל ער וויל וויסען בעפאַר׳ן משפט צי ער ווייס.

כדי צו באַרוהיגען דעם קראַנקען האָט דער חפץ חיים זיין בקשה ערפילט און האָט ביי זיין בעט פאַרבראַכט עטליכע שטונדען, האַלטענדיג אין האַנט אַ „חושן משפט״ און איהם אויסגעפרעגט פאַרשידענע דינים אויף וועלכע דער דיין האָט געענטפערט אַלעס כהלכה. די גאַנצע צייט האָט זיך דער חפץ חיים קאָנטראָלירט זיינע געפיהלען און סענטימענטען, אָבער ווען ער האָט דעם קראַנקען פאַרלאָזען האָט ער זיך שטארק פאַנאַנדערגעוויינט און ביטער גע־זיפצט, זאָגענדיג מיט אַ טרערען־געשטיקטע שטימע: ״יאָ, ער ווייס טאַקע, אָבער וואָס וועט זיין ווען מיין צייט וועט קומען . . . און מ׳וועט מיר אויס־פרעגען... וואָס וועל איך ענטפערען?!״

אויפן קבר פון ר׳ אברהם׳ען, אויפ׳ן ראַדינער בית עולם, שטעהט אַ קליינינקע מצבה אויף וועלכער ס׳זיינען בלויז אויסגעקריצט די ווערטער פון וועלכע דאָס פאָלגענדע איז אַן איבערזעצונג:

״דאָ רוהט הבחור אברהם בר׳ ישראל מאיר הכהן וועלכער איז נפטר גע־וואָרען 23 יאָהר אַלט, צוואַנציג טעג אין כסלו פון יאָהר תרנ״ב.״

אַזאַ הנהגה שטימט מיט׳ן חפץ חיים׳ס לעהרע וועלכע ער באַטאַנט אין זיין ספר „אהבת חסד״ (פרק חמשה עשר) טיילווייז אַזוי:

״נאַרישע מענשען פאַרשווענדען געלד אויף שעהנע און קאָסטבאַרע מצבות און זוכען צו באַפוצען דעם קבר מיט בלומען און טהוען עהנליכע אַנ־

דערע זאַכען כדי צו עהרען דעם אנדענקען, פאַראייביגען דעם נאָמען, אָדער צו שאַפען אַ נחת רוח פאַר דער נשמה פון דעם נפטר. זיי ווייסען אָבער ניט אַז דורך דעם פאַרשאַפען זיי גאָר צער דער נשמה און ניט קיין פאַרגעניגען".

שטעלט זיך פאַר ווען דער פאָטער טרינקט זיך, אָדער איז אַרומגעקומען פון אַ פייער, ערוואַרטעט ער דאָך אַז זיינע קינדער פאַר וועמעס גליק ער האָט זיינע כחות אַוועקגעגעבען זאָלען אָנווענדען פאַסיגע און ווירקזאַמע מיטלען כדי איהם פון אומגליק אַרויסצוראַטעווען. און אַזוי כדי זיך צו ראַטעווען פון יסורי גיהנם און זיך ערווערבען זכיות אויפ'ן עולם האמת איז נאָר מעגליך דורך תורה, צדקה און גמילות חסדים, און דערהויפּט דורך די גוטע מעשים פון די קינדער אין אָנדיינק פון די עלטערען, דאָס קען אָבער פאַר קיין פאַל ניט דער־גרייכט ווערען דורך פאַרשווענדען געלד אויף קאָסטבאַרע שטיינער, אָדער אַנדערע טהייערע מאָנומענטען וועלכע זיינען נוצלאָז פאַר'ן פאַרשטאָרבענעם.

דער חפץ חיים ראטה דאריבער די קינדער צו שטעלען אַן איינפאַכע מצבה און די איבעריגע געלד אויסגעבען אויף צדקה פאַר'ן זכות און לזכרון פון דער נשמה...

דער חפץ חיים פלעגט בכלל שטענדיג דונערען געגען לוקסוס וועלכעס פאַרפיהרט דעם מענשען אַוועק פון זיין תכלית. אַנשטאַט צו פאַרנוצען די צייט אויף העכערע ענינים, אויף תורה ומעשים טובים, פאַרשווענדעט מען עס גאָר צו פארדיענען פאַר מותרות, אָפּרייסענדיג אַלע מאָל וואָס מעהר צייט כדי צו באַדעקען די פאַדלאָגעס מיט קאָסטבאַרע טעפּיכער, און באַשאַפען די הויז מיט טהייערע שטיקער מעבעל און אַנטיקען, א. ז. וו.

ווען אַ איד זעהט אַ בלאַט פון אַ ספר וואלגערענדיג זיך אויף דער ערד, בייגט ער זיך איין און אויפהויבענדיג קושט ער עס. און דאָ איז רעכט אַז מען טרעט גאַנצע בלעטער פון דער תורה מיט די פיס און מען פיהלט עס גאָר ניט. "אוי, ווי נאַריש!" פלעגט דער חפץ חיים באַדוירען.

ריידענדיג וועגען דעם היינטיגען סאָרט לעבען, האָט אַמאָל דער חפץ חיים מיט אַ שמייכעל באַמערקט:

אַמאָל פלעגט מען זיך נוהג זיין צו באַפּוצען דעם קאָפּ. מען פלעגט זוכען זיך איינצושאַפען אַ שעהנעם שטריימעל, אָדער אַ צילינדער־הוט כדי צו באַ־שעהנען דעם קאָפּ.

ס'איז קיין וואונדער ניט, „חכם עיניו בראשו", און דער ראש איז דאָך דער מלך על כל האברים. היינט אָבער, איז אריינקומענדיג אין אַ הויז גע־

פינט מען גאלאָשען, איבער־שיך און פאַרשידענע מאָדעס שיך, און דעם קאָפּ לאָזט מען אין גאַנצען נאַקעט און אומבאַצירט. עפּעס קומט אויס ווי די גאַנ־צע חכמה פון די היינטיגע שטעקט מעהר אין די פיס ווי אין קאָפּ...

געטרייסט האָט זיך דער חפץ חיים אַז זיין באַליעבטער און טהייערער זוהן ר׳ אברהם, האָט אין די דריי־און־צוואנציג יאָהר פון זיין לעבען ניט פאַרשווענדעט קיין צייט אויף דברים בטלים, נאָר אַז ער האָט אין זיין קורצען לעבען דערגרייכט מעהר וויפיעל אַנדערע באַדייטענדע פערזענליכקייטען דערגרייכען אין זייער לאַנגען לעבען. און מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגען ציטירט ער אין פיעלע ערטער אין זיינע וויכטיגסטע ספרים טיעפע און שאַרפע תורה פון איהם.

## לא.

# די שטאַרקייט פון זיין אמונה

אַ חסידישער איד אין וואַרשאַ האָט אַמאָל געבעטען דעם חפץ חיים'ס זוהן, הרב ר' ליב'ן, ער זאָל איהם דערצעהלען עפּעס אַ מופת פון זיין באַ־ריהמטען פאָטער, באַטאָנענדיג: "אַזאַ גרויסער צדיק ווי אייער פאָטער איז, דאַרף דאָך קאָנען באַווייזען נפלאות — צדיק גוזר והקב"ה מקיים — דער צדיק דאַרף נאָר באַפעהלען און כביכול פיהרט אַלץ אויס. מיר חסידים האָ־בען דאַריבער טאָקע צו דערצעהלען אָהן אַ שיעור מופתים פון אונזערע צדיקים!"

האָט איהם ר' ליב מיט אַ שמייכעל געענטפערט: "מיין פאָטער איז אַן אַנדער סאָרט צדיק, ער איז מקיים אַלץ וואָס דער אויבערשטער הייסט, און ניט פאַרקעהרט..."

זיין גלויבען איז געווען דורכגענומען מיט'ן געדאַנק אַז די תורה איז געט־ליך אין איהר אורשפּרונג און נצחיות'דיג אין איהר פאָרנעהם, זייענדיג אַזוי ווי אַ מעכטיגער מויער געבויט אויף אַ פעלזען־שטאַרקען יסוד פעהיג איבער־צולעבען אַלע שטורם־ווינטען און ערד־ציטערנישען. דאָס האָט, לויט'ן חפץ חיים'ס אינטערפּרעטאַציע, דער תלמוד געמיינט מיט די ווערטער: „אני חומה — זו תורה, ושדי כמגדלות — אלו תלמידי חכמים" (פסחים פ"ז, ע"א).

קומען די כופרים מיט זייערע צודרעהטע קעפּ און זוכען חסרונות אין דער תורה, זיי שרייען אַז זי איז שוין צו אַלט און אַז איהרע יסודות זיינען שוואַך און וואַקלענדיג. זיי ווילען ניט פאַרשטעהן די אייביגע וויכטיגקייט פון איהר לעהרע, די שטענדיגע פרישקייט און זאַפטיגקייט פון איהרע פּרינציפּען. משל למה הדבר דומה, פלעגט דער חפץ חיים זאָגען:

עס לויפט אַ מענש אין גאַס שרייענדיג געוואַלד אַז מענשען זאָלען זיך ראַטעווען פון א זיכערער געפאַהר, בכן דער גרויסער מויער אין מיטען מאַרק טרייסעלט זיך און האַלט ביים איינפאַלען. ווערען מענשען דערשראָקען און

לויפען אלארמירטע נאך איהם. איז איינער א חכם געשטאנען פון דערוויטענס און זיך געפרעגט וואָרום לויפען עפּעס די מענשען אזוי צושראָקען? האבען איהם אלע אנגעקוקט אזוי ווי ער וואלט געווען א חסר דעה, אדער א טויבער און האט ניט געהערט די געוואלד־געשרייען פון דעם יעניגען וועלכער לויפט פאראויס. דער חכם איז אבער גאר ניט נתפעל געוואָרען, נאר געשריען צו זיי: „שנעל לויפט און ברייגנט אן אויגען דאָקטאָר"! די בלינדע נאָכלויפענ־דע מאסע האט איהם אבער איגנאָרירט, און אנדערע האבען געשפּאַסט פון איהם אזוי ווי ער וואלט גאָרניט געווען ביים זינען.

"געהערט א מעשה, מ'דאַרף אן אַרכיטעקט, הייסט ער גאר רופען אן אויגען ספּעציאַלסיט!"

דער חכם האט אבער געמאכט חוזק פון זיי און געזאָגט:

"שוטים וואס איהר זייט, איהר גלויבט אין אזא נאַרישקייט אז דער מויער וואַקעלט זיך און האלט ביים איינפאַלען! איז דען מעגליך אז אזא שטאַרקער און פעסט־געבויטער מויער, אויפגעשטעלט דורכ'ן פעהיגסטען אַרכיטעקט, אויף אַזעלכע געזונטע יסודות, זאל זיך טרייסלען? ביי מיר איז דאריבער קיין צווייפעל ניט אז זיינע אויגען זיינען קראַנקע און טרייסלען זיך אין זיי־ערע לעכער, דאריבער דאכט זיך איהם אז דער מויער וואַרפט זיך. וכן דאַרף מען קודם כל אויסהיילען זיינע אויגען וועט שוין ביי איהם ממילא אַלץ אויס־קומען גוט!"

כך אַזוי, פלעגט דער חפץ חיים אויפיהרען, איז מיט דער תורה. שוטים וועמעס מאַרך איז מסתמא ניט אין ריכטיגען פלאץ, וועמעס גייסטיגע ראיה איז צוטרייסעלט, דוכט זיך אז די תורה האלט ביים פאלען און אז איהרע יסודות וואקלען זיך, ווערענד דער גראדער אונקאָרופּטירטער שכל דיקטירט גאָר אַנדערש. דער וועלכער מיינט און זוכט ערנסט דעם אמת וועט לייכט אויסגעפינען די אונענדליכע חשיבות און אייביג טייערקייט פון דער תורה פאר אלע צייטען און אונטער אלע אומשטענדען און באדינגונגען.

גלייכצייטיג פלעגט אבער דער חפץ חיים אויך וואַרנען זיינע תלמידים אויסצומיידען ווי ווייט מעגליך צו פיהרען ויכוחים מיט אפּיקורסים. באַטאָ־נענדיג: "ס'איז א טעות צו גלויבען אז מ'וועט זיי מאכען בעסער, מ'דאַרף זיך גיכער שרעקען אז זיי זאלען אונז ניט אפּשוואַכען — פאר'ן מאמין זיינען ניטאָ קיין קשיות, און פאר דעם אפּיקורוס זיינען ניטאָ קיין תירוצים"!

ביי אן אַנדער געלעגנהייט האט דער חפץ חיים אַמאָל באַטאָנט די פאַר־

גרעבטקייט און אומוויסענהייט פון היינטיגע אַפּיקורסים. זיי נעמען זיך אַפילו ניט די מיה זיך צו מאַטערען זייער שכל כדי אָפּצולייקענען די תורה, אזוי ווי ס׳פלעגען טאָהן די אַמאָליגע וועלכע האָבען זיך געררופען משכילים. אונזערע מאָדערנע אַפּיקורסים זיינען אָהן אַ שום שכל, אָהן קיינע אַרגומענטען און סברות, עובר אויף כל התורה. ער פלעגט טייטשען דעם פסוק: „עת לעשות לה׳ הפרו תורתך״ — עס איז אַ צייט צו טהאָן פאַר השי״ת׳ס כבוד ווען מען זעהט די תורה ווערט צושטערט״. לויט דער גמרא אין נדרים איז אַן אונטערשייד צווישען לשון הפרה און התרה. התרה (מותר לך) מיינט עוקר צו זיין דורך אַ פתח, אַ טעם, אָדער סברה. ווערהרענד הפרה, „מופר לך״ מיינט גלאַט אַזוי פאַרשטערען אָהן שום טעם סברא אָדער אַרגומענט. דאָס מיינט דער פסוק מיט די ווערטער „הפרו תורתך״ ווען מ׳זעהט ווי די פרייזי־ניגע עלעמענטען צושטערען די תורה אָהן א שום פאַרוואָס, דאַן איז די פליכט פון יעדער בר־דעת זיך צו וואלונטירען צום דיענסט פון רבונו של עולם.

„איזהו חכם הרואה את הנולד״ — דער איז אַ חכם וועלכער זעהט די צו־קונפט (תמיד ל״ב), וואָלט דאָך אייגענטליך בעדאַרפט געזאָגט ווערען: „דער וואָס ווייס אָדער פאַרשטעהט די צוקונפט — ניט דער וואָס זעהט?״

האָט עס דער חפץ חיים אַזוי ערקלעהרט: דער אמת׳ער חכם וועמעס אינערליכע זעהונג׳ס־קראַפט איז ניט פאַרבלענדעט דורך זעלבסט־זיכטיגקייט און אייגענגוציגקייט, זעהט מיט זיינע אויגען פון שכל דעם עתיד קלאָר און דיטליך. ער זעהט און פאַרשטעהט אויף טריט און שריט די וועגען פון דער השגחה, די רעזולטאַטען וועלכע ווערען ענטוויקעלט פון זיינע מעשים, דעם שכר אָדער עונש וואָס זיי ברייגגען מיט זיך. מיט זיין בליק קען ער דורכ־דרינגען אַלע ערשיינונגען און פיהלען זייער אינערליכען גייסט. אַט דאָס הייסט זיין אַ חכם!

וואָס גרעסער דער מענש אַרבייט זיך אויס אין גייסטיגען זינן, אַלץ קלאָ־רער און ריינער, העכער און ווייטער, דערגרייכען זיין אינערליכע זעהונג׳ס כחות. עס איז ידוע אַז מאַנכע גרויסע מאַלער וועלכע זיינען בעגאַבט מיט אַ טיעפע פאַרשטענדניס און פאַרשטעלונג׳ס־קראַפט, זיינען זאָגאַר אומשטאַנד צו מאָלען אַ בילד פון אַ מענשען וועלכען זיי קענען בלויז פון דערוויטענס, פון אַ גענויע ביאָגראַפישע שילדערונג וועגען איהם. אַזוי ווערט טאַקע דער־צעהלט אַז אַ גרויסער קינסטלער האָט איינמאָל געמאָלען אַ בילד פון אַ רוסי־שען קייזער אַבוואָהל ער פערזענליך האָט קיינמאָל ניט געזעהן ניט איהם און

נים זיין בילד, נאָר בלויז דורך באַקאַנען זיך מיט די שילדערונגען וועגען איהם דורך זיינע ביאָגראַפיעס.

עהנליכעס פלעגט דער חפץ חיים זאָגען, קען יעדער תלמיד חכם דער־גרייכען אויב נאָר ער לערנט באמת תורה לשמה ווידמענדיג זיינע טעג און נעכט צו דערגעהן די טיעפקייט פון איהר חכמה, און לעבענדיג דורכאויס אין איינקלאַנג מיט איהרע פאַרשריפטען. די תורה איז דאָך די געטליכע ביאָ־גראַפיע (אנא נפשי כתבית יהבית, שבת ק״ה) ענטהאַלטענדיג אַ גענויע שיל־דערונג פון כביכול׳ס וועזען, מדות און דרכים, א. ז. וו.

משה רבנו, דער גרעסטער חכם און מאמין אויף וועמען דער רבונו של עולם זאָגט עדות „כי בכל ביתי נאמן הוא פה אל פה אדבר בו״, ער מיט זיינע אונפאַרגלייכליכע השגות און ידיעות האָט זיך ריכטיג פאַרגעשטעלט און גע־נוי באַגריפען צו מאָלען אין זיין געדאַנק אַ בילד פון כביכול אַזוי ווי ער וואָלט מיט זיינע אויגען אויף דעם דעם געקוקט — „ותמונת ה׳ יביט.״ אַזוי אויך אַב־וואָהל אויף אַ פיל קלענערען און שוואַכערען אופן האָבען אויך באַוויזען די נביאים ישעיהו, יחזקאל און אַנדערע בעפאָר איהם און נאָך איהם, און צו אַזעל־כע מדרגות איז יעדער בן אדם מעהר, אָדער ווייניגער, פעהיג צו דערגרייכען... זעלבסטפאַרשטענדליך אַז דאָס מיינט אַלעס אין גייסטיגען זינן לויט זיינע מדות און מעשים. ווייל „לא ישיגוהו שום משיגי הגוף.״

אומפאַרגלייכליך איז דער חפץ חיים געווען אין זיין שטאַרקער אמונה אין אויבערשטען און אין זיין תורה. אַלעס איז ביי איהם אויסגעקומען פשוט, אַפילו די ענינים פון אמונה. אַלעס איז ביי איהם געווען קלאָר און דייטליך. ער האָט בכלל ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס אַנדערע פרעגען עפּעס קשיות אויפ׳ן רבונו של עולם. עס איז דאָך אַלץ אַזוי איינפאַך און פאַרשטענדליך! עס ווערט געזאָגט: „וצדיק באמונותו יחיה״, אַז אמונה איז פאַר׳ן צדיק אַ לע־בענס־קוואַל. דער חפץ חיים איז אָבער אַליין געווען אַן אונענדליכער פריש־פליסיגער קוואַל פון אמונה. ריכטיג האָט אַמאָל אַ געוויסער גדול באַמערקט: „ביים חפץ חיים האָט מען געקאָנט שעפּען אמונה מיט גאַנצע עמערס״. ווער עס האָט איהם באַזוכט, פלעגט איהם פאַרלאָזען אַ טיעף באַגייסטערטער, פול מיט אמונה און בטחון. ער פלעגט אַריינבלאָזען אין יעדען אידען אַ נייע נשמה, באַזעעלען איהם מיט חיות און שטאַרקייט.

מען דערצעהלט אַז איינמאָל פאָהרענדיג מיט אברהם, דעם ראַדינער בעל עגלה, האָט דער לעצטער געגומען אויסגיסען זיין ביטער האַרץ פאַר׳ן חפץ

חיים: „ווייסט איהר רבי, אַז דאָס שטעדטעל האָט זיך צוזאַמענגעלייגט מיר צו קויפען אַט דעם פערד, נאָכדעם ווי יענער פערד איז פלוצלונג אוועקגעפאַלען?"

„נו, איצט ברוך השם האָט איהר דאָך שוין אַן אנדער פערד", איז געווען דעם צדיק'ס ענטפער.

„יאָ, רבי, אָבער פאַרוואָס קומט עס מיר, אַן אָרימען אידען, צו שטראָפען מיט אַזעלכע ליידען?"

האָט איהם דער חפץ חיים באַרוהיגט אַז דער רבונו של עולם איז אָהן אַ שום צווייפעל גערעכט אין זיין משפט — צדיק ה' בכל דרכיו — און האָט איהם ערקלערט אַז בעל עגלות האָבען זייערע נסיונות און דורכפאַלען. זיי ווערען מאַנכעס מאָל מושוה און פאָדערען נאָכדעם מעהר, אָדער פאָהרענדיג אין וועג כאַפען זיי אַמאָל היי פון אַ פרעמד פעלד, אָדער לערנען דעם פערד זיך פאַשען אויף פרעמדע גראָז („החמרין רובן רשעים" — קידושין פ"ב, ע"א) לכן, האָט דער חפץ חיים אויסגעפיהרט, קאָן גאַנץ מעגליך זיין אַז פון הימעל האָט מען איהם געשטראָפט צוליב דעם...

אָבער דער בעל עגלה האָט זיך ניט געקאָנט באַרוהיגען.

„אויב אַזוי רבי, איהר זייט דאָך ניט קיין בעל עגלה, טאָ פאַרוואָס האָט מען אייך לעצטען ווינטער אויפ'ן וואָקזאַל אין ווילנא צוגע'גנב'עט אייער פוטער?"

האָט דער חפץ חיים אַ טיפען זיפץ געטאָהן און באַמערקט:

„איהר מוזט מיינען, ר' אברהם, אַז איך בין אַ צדיק? ניין, איך האָב דאָך אויך מיינע דורכפאַלען! איך בין דאָך אין מסחר, איך פאַרקויף מיינע ספרים. אַמאָל טרעפט זיך אַ צוריסענער, אָדער אַ פאַרמעקטער בלאַט, אָדער ס'פעהלט גאָר אַ בלאַט. אמת, איך בין נזהר יעדען ספר פריהער גוט איבערצוקוקען, מ'איז דאָך אָבער מעהר ניט ווי אַ מענש, מ'קאָן זיך ניט אויסהיטען. די קונים שעהמען זיך עס צו מאָנען פון מיר, אָבער מקפיד זיינען זיי אויף דעם. נו, צוליב דעם האָט מען מיך געשטראָפט!"

אין יעדער געשעהעניש, קליין אָדער גרויס, האָט דער חפץ חיים געזעהן די האַנד פון דער השגחה. יעדע פאַסירונג אָדער ערשיינונג איז געווען פאַר איהם אַ מאַניפעסטאַציע פון דער טיפער חכמה און אומבאַגרענעצטער ליבע פון רבונו של עולם. ער איז דאָך אַ „מחיה את כלם", אַלעמען גיט ער חיות, פון דאָס קלענסטע ווערימעל, ביז'ן גרעסטען ריעז, אַלע אָטעמען מיט זיין כח.

די גרעסטע חכמים קאָנען אין זייערע לאַבאָראַטאָריעס ניט פּראָדוצירען קיין לעבעדיגען ווערזען. זיי קאָנען ניט נאָכמאַכען אַפילו אַ קליין קערענדעל, ווייל ס׳פעהלט זיי דער געטליכער כח אַריינצובלאָזען לעבען אין די קינסטליכע חומר׳ס וועלכע זיי באַשאַפען.

זיינע אילוסטראַציעס זיינען אימער גענומען פון לעבען גענומען, צום ביישפיל:

אַט האָט מען ערפינדען אַזעלכע טעלעסקאָפּען, דורך וועלכע מ׳זעהט וואָס עס טהוט זיך אין דער הויך. מ׳קאָן אויסצעהלען וויפיל שטערן עס זיינען פאַראַן אויפ׳ן הימעל, ווי גרויס עס איז יעדער פּלאַנעט. די זון, די לבנה א. א. וו. היינט, אויב מענשען קאָנען זעהן אויף דער ערד וואָס עס טהוט זיך אויפ׳ן הימעל, טאָ פאַרוואָס קאָנען זיי גלייכצייטיג אויך ניט פאַרשטעהן, אַז דער אויבערשטער, דער כל יכול קאָן געוויס זעהן פון הימעל וואָס עס טהוט זיך אויף דער ערד?...

פאַרוואָס קאָנען מענשען ניט באַנעמען אַזאַ פשוט׳ע זאַך, אַז דער רבונו של עולם קאָן דערהערען דעם לייכסטען זינדיגען שמועס און האָבען אַ פאָ-טאָגראַפישען רעקאָרד פון אַלע דעטאַלען און וויסען גענוי די קלענסטע פּאַ-סירונג? אַזוי איז יעדע געשעהניש פאַר׳ן חפץ חיים געווען אַ קוואַל צו שעפּען אמונה.

דערצעהלט הרב ש. מערקל פון קאָוונע, אַז אין יאָהר תרע״ה ווען ער איז געווען אין מאָסקווע האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דער חפץ חיים איז דאָרטען געקומען. איז ער איהם געגאַנגען באַזוכען אין האָטעל. דאָרט האָט ער איהם געטראָפען שמועסענדיג מיט אַן אָרטיגען באַוואוסטען מיליאָנער, וועלכער איז אגב געווען איינער פון די הויפּט שטיצער פון זיין ישיבה. זיין איידים, ר׳ הירש לעווינסאָן, (וועלכער האָט איהם דאַן באַגלייט) האָט זיך ענטשולדיגט און איז אַריין אין צווייטען חדר, כדי אויסצושטעלען אַ נויטיגע טעלעגראַמע וועלכע זיי האָבען באַדאַרפט אָפּשיקען, און דער חפץ חיים איז געבליבען ריי-דען מיט׳ן גביר.

האָט איהם דער חפץ חיים (צוליב׳ן חשש פון לשון הרע) תיכף ומיד אָפּ-געשטעלט מיט דער באַמערקונג: „דאָרטען אין צווייטען חדר איז מען מסדר אַ טעלעגראַמע, מען ציילט יעדען וואָרט באַזונדער. ווייסט איהר פאַרוואָס? מ׳וועט נאָכהער פאָדערן צו באַצאָהלען פאַר יעדען וואָרט!...

## לב.

# פאַר אידען אין אַמעריקא

דאָס האָט פּאַסירט מיט'ן חפץ חיים אין זומער פון יאָהר תרנ"ג. געהענדיג איינמאָל צוזאַמען מיט זיין באַריהמטען זוהן הרב ר' ליב, האָט דער לעצטער צו איהם געזאָגט:

„איך דיינק, טאַטע, אַז דו אַליין וועסט נאָך אַמאָל אויך זיין אין אַמעריקא. דו ביזט אַזוי ווי ירמיהו הנביא וועלכער האָט נאָכ'ן חורבן געשטורעמט געגען די יעניגע וואָס פאַרלאָזען דאָס לאַנד יהודה און אימיגרירען קיין מצרים. נאָכ־הער האָט זיך אַזוי געמאַכט אַז ער אליין האָט געמוזט געהן קיין מצרים און האָט דאָרטען זיינע נביאות און תוכחות פאָרגעזאָגט. אויך דו, טאַטע, עצה'סט און מוסר'סט אנדערע ניט צו פאָהרען קיין אַמעריקא, קען גראד מעגליך זיין, אַז דו וועסט נאָך אַמאָל דאָרט אַליין געהן!"

האָט איהם דער חפץ חיים אויף דעם גאָרניט געענטפערט, נאָר אויף־צו־מאָרגענס האָט ער איהם אַריינגערופען און צו איהם געזאָגט:

„דו ווייסט, מיין קינד, אַז צוליעב דיינע ווערטער האָב איך אַ גאַנצע נאַכט ניט געקענט שלאָפען, קלעהרענדיג כסדר וועגען דיין אַנמערקונג. איך זעה אַז דו ביזט טאַקע גערעכט. מען טאָר ניט לאָזען אידען אויף הפקר. איך אַליין בין אָבער שוואַך אין געזונט און פיהל זיך שוין ניט ביי די כחות צו קענען פער־זענליך פאָהרען מעבר לים, האָב איך דאריבער בעשלאָסען צו שרייבען פאַר זיי אַ ספר און איהם שיקען דאָרט, כדי ער זאָל פאַר מיר דאָרט צו זיי ריידען".

אַזוי איז דער ספר „נדחי ישראל" געשאַפען געוואָרען און איז ערשינען אין יאָהר תרנ"ד. דיזער ספר ענטהאַלט אַ קיצור פון די עלעמענטאַרע פּרינ־ציפּען פון אידישקייט, וועלכע יעדער איד איז מחויב צו וויסען, אויך מאמרים און ערקלעהרונגען באַזירט אויף פּסוקים פון תנ"ך, און שטעלונגען פון תלמוד כדי צו ערמוטיגען און שטאַרקען די אידען וואו זיי זאָלען ניט פאַרוואָגעלט ווערען. אין אַ לייכטען פאַרשטענדליכען העברעאיש און אויך אין אַ פּאָלקס־

טימליכען אידיש דרינגט דער מחבר אַריין אין יעדער אידישער נשמה. ער רעדט זיך דאָרטען דורך מיט'ן שאַפּ ארבייטער אזוי ווי ער וואָלט צוזאַמען מיט אים אין שאַפּ געאַרבייט. ער פיהלט די ליידען פון פעדלער און פארשטעהט די נסיונות פון ביזנעסמאַן. ער שילדערט אָבער גלייכצייטיג אויך דעם תענוג פון אַ מצוה, דעם גן עדן פון אמת'ען אידישען שבת, דאָס פארגעניגען פון אַ ריי־נעם פאַמיליען לעבען, די שעהנקייט און הייליגקייט פון אַ אמת'ע אידישע היים. פאַר איטליכען האָט ער אַ טרייסט־וואָרט, יעדען איינעם זוכט ער צו מוטיגען און שטאַרקען. לערנענדיג זיין ספר דוכט זיך אַזוי ווי דער מחבר וואָלט אַליין טאַקע געווען אין אַמעריקא און אַלע ערפאַהרונגען אַליין דורכ־געמאַכט.

עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך אַז כדי צו קענען שאַפען אַ פאַסיגע אידישע היים און צו ענטוויקלען אַן אינטענסיווען אידישען צענטער אין אַ נייע לאַנד פאָדערט פיעל מיה, אַ סך צייט און געניאַלע פיהרענדע כחות. ניט אַלע צייטען און ניט אַלע לענדער און ניט מענשען זיינען צוגלייך מסוגל אויף דעם. דער פראָצעס פון באַזעצען אידען אין די לענדער פון דער אַלטער וועלט איז צו־בעגאַנגען גאַנץ אַנדערש ווי דאָס באַזעצען זיי אין די לענדער פון די ניי־ענט־דעקטע קאָנטינענטען. קומענדיג אין אַ נייע וועלט וואו רעליגיאָן איז פאָל־שטענדיג אָפּגעטיילט פון שטאַט, וואו אַלע בירגער זיינען גלייך פאַר'ן געזעץ און וואו יעדער איינער איז באַרעכטיגט נאָכצופאָלגען די דיקטאַטור פון זיין ריינעם געוויסען און וואו דער קהלה־לעבען פון יעדער דענאָמינאַציע איז גע־בויט אויף פרייוויליגע יסודות אָהן רעגירונגס מאַכט, אָדער סאַנקציעס, איז נאַטירליך אַז אַזעלכע אומשטענדען האָבען געשאַפען זאַנדערבאַרע פּראָבלע־מען פון וועלכע די אידישע גלות־היסטאָריע האָט ביז דאַמאָלסט קיין עהנלי־כעס ניט געוואוסט.

ווי בעוואוסט זיינען די ערשטע אידישע וואַנדערער אין די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס אַם מעהרסטען געווען שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע אידען. ווען די האָפנונג פון די אידען אין דייטשלאַנד צו ווערען פאָלשטענדיג עמאַניציפּירט איז צורונען געוואָרען און אַלע פאַרזוכען זיך צוצופּאַסען צו דער גוי'שער סביבה האָט נאָך מעהר פאַרשטאַרקט דעם אידען־האַס, האָט אַ באַדייטענדער טייל פון זיי אויסגעוואַנדערט נאָך די פעראייניגטע שטאַטען וואוהין זיי האָבען מיטגעבראַכט זייער רעפאָרמירטע אידישקייט. זייערע רייכע טעמפּלען ווי „עמנואל" און „בית אל" אין ניו יאָרק האָבען זאָגאַר געזוכט אַריבערצו־

ברייננען קיין אמעריקא די אויסגעשפראכענע רעפארמער צווישען די דייטשע ראבינער, ווי גייגער, און אנדערע. די לעצטע האבען זיך אבער ענטזאגט צו קומען, צווייפלענדיג אין זייערע פעהיגקייטען אויפצוטאהן עפעס אין א פרעמדעס לאנד. האבען זיי געשיקט זייערע תלמידים וועלכע האבען געארבייט מעשים צו פארשפרייטען זייער איינפלוס איבער אלעמען און אלעס.

ווען מזרח אייראפעאישע אידען זיינען אריבערגעקומען אין דער נייער וועלט האבען זיי דארט געפונען די אלט־געזעסענע און וואוילהאבענדע אידען, די אזוי־גערופענע רעפארמירטע דייטשע יאהודים. לכתחילה האבען זיי זיך געפיהלט עלענד און פרעמד. אבער דערשפירענדיג זיך פיזיש און פאליטיש אלס פרייע מענשען האבען זיי ביסלעכווייז פארגעסען זייער גייסטיגע פארגאנגענהייט. א תהו ובהו האט געהערשט אין רעליגיעזען אידישען לעבען.

עס איז דאריבער זעלבסט־פארשטענדליך אז די פרומע אידען האבען זיך זעהר געשראקען פאר׳ן קיום היהדות אין די נייע לענדער. צו עמיגרירען פון א לעבעדיג־צאפעלדיגע אידישקייט אין מזרח אייראפא צו א קאלטע און אפט־מאל טויטע סביבה מעבר לים, האבען זיי בעטראכט פאר א גרויס געפאהר. האט דער חפץ חיים פארפאסט א ספעציעלען קונטרס „נפוצות ישראל" אין וועלכען ער פאדערט אויף זיינע ברידער צו האבען בטחון אין השם יתברך און ניט ריזיקירען מיט זייערע קינדער אין אזעלכע לענדער. „עס איז פונקט ווי א טאפ וואס מען נעהמט צו פון פייער, וואס לייננער אוועק אלץ קעלטער ווערט ער. אמת, מ׳זאגט אז דער וואס וויל קען דארט אויך בלייבען א גוטער איד און אפהיטען די תורה און איהרע מצוות. יא, דאס איז טאקע אמת אזוי, אבער די צרה איז וואס דארטען ווילט זיך ניט — די סביבה איז גורם", פלעגט דער חפץ חיים ארגומענטירען מיט די יעניגע וועלכע האבען איהם עצות געפרעגט צי זיי זאלען פאהרען מעבר לים.

אן אייגענהענדיגער אידישער בריעף וואס דער חפץ חיים האט געשריבען יום ג׳ פרשה שמיני, אין יאהר תרנ״ג צו א ראדינער אידען אין אמעריקא, כא־ראקטעריזירט אם בעסטען זיין פערזענליכע שטעלונג און השקפה וועגען דעם.

„אל כבוד הרבני מו״ה אהרן ליב נ״י".

„מיר איז אפילו שווערליך צו שרייבען, נאר ווייל די שאלה איז זעהר נויטיג מוז איך אייך שרייבען ווי עס קומט אויס על פי התורה. אזוי ווי זי שרייבט אז זייענדיג אין אמעריקא ווי מען זעהט וועלען די קינדער געוויס קומען מיט דער צייט צו טאהן מלאכה אום שבת, האט אייער ווייב רעכט וואס זי וויל

דארט ניט בלייבען. זי וויל בעסער פאהרען אין אן ארט וואו מען היט דעם הייליגען שבת, מיר זיינען מחויב צו מאכען די קינדער פאר אידען, דען וואס קען זיין פאר א גליק אז קינדער געהן ניט אין אידישען וועג. א מענש לעבט דאך ניט אייביג. ווען מען לאזט קינדער זיין אידען איז זיי גוט און די עלטערען איז גוט, און מ'דארף צו השי"ת האפען אז ער וועט געבען דעם שטיקעל ברויט אויף דעם אידישען אופן.

„ממני ישראל מאיר הכהן".

ביי אן אנדער געלעגענהייט האט דער חפץ חיים אמאל אזוי באמערקט: „ווען דער אויבערשטער האט די אידען ארויסגענומען פון מצרים, האט ער זיי געקענט פיהרען דורך צוויי וועגען. איינער איז געווען א גלייכער וועג אין ישוב וואו עס וואלט זיי קיין עסען און טרינקען ניט געפעהלט. האט אבער אין דעם געשטעקט א סכנה ווייל זיי וואלטען געווען נאהענט צו די מצרים „ושבו מצרימה" און זייענדיג לעבען אזעלכע שכנים וואלטען זיי זיך ווידער אפגעלערנט די אומווירדיגע מעשים וועלכע האבען זיי בעפאר שוין געהאט אריינגעשלעפט אין מ"ט שערי טומאה. (הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה). דער אנדערער וועג איז געווען דורך דער מדבר, אוועק פון שלעכטער אטמאספערע, וואלט זיי אבער געפעהלט דאס שטיקעל ברויט, א דאך איבער'ן קאפ און אנדערע נויטוועגדיגקייטען. האט דער אויבערשטער ליבערשט געמאכט א „ויסב", פיהרענדיג זיי אין דער מדבר. איי פרנסה, דאס קען דאך דער אויבערשטער געבען אין דער מדבר אויך".

ציטירט דער חפץ חיים אין זיין קונטרס נפוצות ישראל פון רמב"ם, אז יעדער איד איז מחויב צו זוכען א וואוינונג דארט, וואו ער דענקט, אז ער וועט אומגעשטערט קענען אפהיטען די אידישע טראדיציע, אדער זיין אויסגעזעצט צו ווינציגער נסיונות.

צווישען די דאמאלסדיגע אידישע אימיגראנטען פון רוסלאנד, פוילען און ליטא האבען געפעהלט געהעריגע גענאלע כחות כדי צו ארגאניזירען דאס רעליגיעזע אידענטום אין אמעריקא און גלייך פון אנפאנג עס אוועקשטעלען אויף די דורות־אלטע טראדיציאנאלע יסודות. די אנערקענטע פיהרער צווישען די גדולי הדור האבען ליידער געלאזען די וואנדערער אזוי ווי שאף אהן א פאסטוך. זיי האבען זיך פשוט געשראקען פאר דער נייער וועלט, צווייפלענדיג צי עס וואלט זיי געלונגען עפעס ממשות'דיגס אויפצוטאן.

דער גרויסער גאון און צדיק, ר' ישראל סאלאנטער, וועלכער האט גראד

באַגריפן דעם פולען ערנסט פון דער לאַגע, האָט לכתחילה נאָך פריהער גע־האָט געפּלאַנט צו קומען נאָך אַמעריקאַ צוזאַמען מיט צעהן פּראָמינענטע רבנים: זיינע ערפאַהרונגען אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך, וואו ער האָט פילע יאָהרען פאַרבראַכט כדי צו אָרגאַניזירען דאָרט די איינגעוואַנדערטע אידען פון רוסלאַנד אין פאַסיגע קהלות, וואָלטען איהם אַ סך געהאָלפען. אָבער ווען ר׳ ישראל האָט זיך דערוואוסט, אַז עס איז אויסגעשלאָסען, אַז די אידיש־רעליגיעזע קהלה פאַראָרדנונגען זאָלען האָבען אַ רעגירונגס קראַפט (הורמנא דמלכא), נאָר אלע אקטיוויטעטען מוזען זיך שטיצען בלויז אויף פריי־וויליגע ביישטייערונגען און קאָאָפּעראַציע, האָט ער דאָן זיין פּלאַן אויפגעגעבען.

אין די יאָהרען ווען עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער שטראָם פון רוסיש־אידישער עמיגראַציע צוליב די פּאָגראָמען, וועלכע האָבען זיך פאַרשפּרייט מיט דער באַשטימונג אויפ׳ן טראָן פון צאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטען, איז שוין דאַן, ליידער, ר׳ ישראל מעהר צווישען די לעבעדיגע ניט געוועזען (ער איז נפטר געוואָרען כ״ה שבט, תרמ״ג).

אויך דער מלבי״ם, צו וועמען אַ גרופּע פּראָמינענטע אידישע שוהלען אין ניו־יאָרק האָבען זיך דאַמאלט נאָך מיט יאָהרען צוריק געהאָט געווענדעט, אַז ער זאָל קומען ווערען זייער גייסטיגער פיהרער, האָט זיך אָנטזאָגט.

האָבען די אידען פון ניו יאָרק, אין יאָהר תרמ״ו, זיך געווענדעט צו די דאַ־מאָלטדיגע גדולי הדור, ווי ר׳ יצחק אלחנן, ר׳ יוסף בער בריסקער, ר׳ אלי׳ חיים מייזעל פון לאדז, ר׳ חיים ברלין, ר׳ הלל ליבשיץ פון סובלאַק. ר׳ יעקב יוסף פון ווילנא, ר׳ עזריאל הילדעסהיימער פון בערלין א. אז. וו., אַז זיי זאָ־לען שיקען איינעם פון די גדולים צווישען זיי. ווען דער גורל איז געפאַלען אויף ר׳ צבי הירש ראַבינאָוויץ (דאַמאָלטדיגער מיטאָווער רב, זוהן און שפּע־טער נאָכפאָלגער פון ר׳ יצחק אלחנן אַלס רב אין קאָוונע), האָט ער זיין אָפּזאָג אָזוי מאָטיווירט: „ס׳פיהרט זיך, אַז ס׳איז דאָ אַ שטאָדט, וואו עס וואוינען אי־דען. ביי די אידען איז פאַראַן אַן אָרדנונג, נעמט מען אַ רב איינצוהיטען די אַלטע אָרדנונג, אָבער קומען שאַפען אַ נייע שטאָדט, און נאָכדעם מאַכען אי־דען, און נאָכהער אָנהאַלטען די נייע אָרדנונג ביי די נייע אידען אין דער נייער שטאָדט — דאָס האָט נאָר משה רבנו געקאָנט!״

עס איז אויסגעקליבען געוואָרען דער גאון ר׳ יעקב יוזפא, אַ תלמיד פון ר׳ ישראל סאַלאַנטער, וועלכער איז אין יאָהר תרמ״ה אָנגעקומען אַלס רב

הכולל פון די פאַראייניגטע אָרטאָדאָקסישע קהלות אין ניו יאָרק. ער איז, לײדער, געפאַלען אַ קרבן פון די זעלבסטזיכטיגע טהוערס און אייגענצוציגע פיהרער, וועלכע האָבען געזוכט אַלעס צו קאָמערציאַליזירען און פילע פון זיי, האָבען פשוט געזוכט בלויז אייגענע אינטערעסען . . . דער דורכפאַל פון רב הכולל האָט נאָך מעהר אָנגעשראָקען די פיהרענדע פערזענליכקייטען צווישען די פראָמינענטע רבנים אין איירָאפּא, אזוי, אַז זיי האָבען שוין אויפגעגעבען דעם געדאַנק פון פאָהרען קיין אַמעריקא.

דער חפץ חיים, וועלכער איז אימער גרייט געווען צו געהן און צו פאָהרען כדי צו ראַטעווען אַפילו אַ יחיד פון צו ווערען פאַרבלאָנדזשעט פון אידישען וועג, האָט זיך צוליב זיין שוואַכען געזונט־צושטאַנד, לײדער, אויך געמוזט אַנטזאָגען, ווען ס'איז שפּעטער צו איהם ספּעציעל געקומען צו פאָהרען דער באוואוסטער גאון ר' יעקב דוד סלוצקער (רידב"ז) און געבעטען, אַז ער זאָל מיט איהם צוזאַמען פאָהרען קיין אַמעריקא, כדי דאָרט צו פאַרשטאַרקען אידישקייט.

אין זיין ספר „נדחי ישראל" פיהלט זיך ווי דער צדיק האָט קלאָר פאַרשטאַנען דעם דאַמאָלטדיגען מצב היהדות באמעריקא. די גרויסע שוהלען אין ניו יאָרק האָבען נאָך פאַר'ן רב הכולל אָראָפּגעבראַכט די באַריהמטסטע חזנים פון איירָאפּא, ווי מיכאילאָווסקי, קופּער, מינקאָווסקי און אַנדערע. פנחס מינקאָווסקי האָט פון זיין שוהל שוין דאַן געקראָגען אַ געהאַלט פון פינף טויזענט דאָלאַר אַ יאָהר, בעת איין גרויסען רב האָבען אַלע שוהלען צוזאַמען ניט געקענט, אָדער ניט געוואָלט אויפהאַלטען. דער חפץ חיים מינימיזירט ניט די ווערדע פון חזנים און חזנות. ער ערקלערט בלויז ווי ס'דאַרף זיין על פי דין תורה. ער שרייבט טיילווייז אזוי:

„יעדער שטאָט, וואו עס איז דאָ אַ קיבוץ פון אידען איז מחויב צו נעהמען אַ רב, וועלכער זאָל זיי לערנען, וואָס עס איז ערלויבט און פאַרבאָטען. יעדער איינער איז מחויב זיך צו באַשטייערען פאַר דעם צוועק. אויב אַ געמיינדע דאַרף האָבען אַ רב און אַ חזן און ביידע צוזאַמען קענען זיי ניט אויסהאַלטען, איז דער דין, אַז אויב דער רב איז אַ מובהק, אַ למדן און אַ ירא־שמים, איז ער געוויס בילכער, כאָטש דורכדעם וועט זיי פעהלען די מצות תפלה, וועלכע זיי וועלען ניט קענען מקיים זיין אָהן אַ חזן, זיי וועלען ניט קענען הערען קיין ברכו, קיין קדושה און קיין קדיש, פונדעסטוועגען איז דער רב פריהער, אויב

ער ווייס ווי אזוי צו פסק'ענען אַ דין און לערנען זיין געמיינדע דעם וועג פון תורה.

פון דעם זעהט מען ווי גרויס עס איז עבירה פון די קליינע קהלות אין די וויטע לענדער, וואָס נעהמען ניט קיין רב! מיט אַ שוחט אַליין זיינען זיי ניט יוצא, סיידען, אַז דער שוחט איז צוגלייך אַ גרויסער למדן און אַ מוסמך להוראה פון באַוואוסטע רבנים. (זעה „נדחי ישראל", פרק י"ח).

ליידער האָבען די פיהרענדע גדולים פאַרפעהלט צו רעאַליזירען דאָס וואָס דער גאון הדור ר' חיים וואלאזשינער האָט מיט מעהר ווי הונדערט יאָהר פאַראויסגעזאָגט אַז אַמעריקא וועט ווערען אַ צענטער פון אידענטום און אַז די תורה וועט אין אַמעריקא געפינען איהר אכסניה אַלס לעצטער עטאַפּ פון די עשר גליות וועלכע זי דאַרף דורכמאַכען לויט דער מסורה. האָבענדיג שוין דורכגעגאנגען די לענדער בבל, אפריקא, מצרים, איטאַליע, ספרד, צרפת, אשכנז, פולין און ליטא, איז אַמעריקא באַשערט צו ווערען די לעצטע היים און צענטער פאַר תורה.

## דעם שבת אין אמריקא

אין אַ בריף געשריבען צו אגודת הרבנים, דאַטירט ה' מנחם אב תר"צ, אַדרעסירט צום עהרען פרעזידענט הרב רמ"ז מרגליות, שרייבט דער חפץ חיים צווישען אַנדערעס:

„עס פאַרשאַפט מיר גרויס צער די הפקרות פון חלול שבת אין אייער מדינה. צו אונזער גרויסען וועהטאָג איז שוין דאָרט בא אַ גרויסען טהייל פון אונזערע ברידער דער שבת לגמרי געוואָרען הפקר בעוה"ר.

„באמת האָב איך אַמאָל געדענקט, אַז דער רבש"ע האָט עקסטרא פאַר־אורזאַכט אַז אַ סך רבנים ותלמידי חכמים זאָלען אין די לעצטע יאָהרען עמי־גרירען נאָך אַמעריקא, כדי אַז זיי זאָלען צוריקהאַלטען דעם שטראָם פון אַסי־מילאַציע און הפקרות. ליידער, אָבער, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז דאָס האָט זעהר ווינציג געהאָלפען צו פאַרבעסערען אידישקייט אויף אַ ממשות'־דיגען אופן. משמעות, אַז די רבנים זיינען נישט מוכיח כראוי דעם המון אחינו בני ישראל, און זיינען זיך נישט געגוג משתדל מתקן צו זיין די קלקולים און צו פאַרצוימען די גרויסע פרצות אין אונזער דת. דאריבער מאַכען די מאַסען פון אונזערע ברידער אַ טעות, דיינקענדיג, די רבנים מיט די תלמידי חכמים זעהען דאָך אַלעס און זיי שטראָפען אונז ניט, מסתמא איז די עבירה

פלונית ופלונית נישט אַזוי האַרב, און אַז מסתמא ווערען די דיני התורה נשתנה לויטן מצב פון דער צייט און לאַנד. ווען זיי וועלען קומען פאַר בית דין של מעלה צו געבען דין וחשבון אויף זייערע מעשים, וועלען זיי דאָך געוויס אָראָפּוואַרפען פון זיך די שולד און אַרויפלייגען אַלעס אויף די רבנים און תלמידי חכמים וויל זיי האָבען ניט געשטערט, וועלען דאָך די לעצטע געוויס ליידען צוליב זייערע זינד. און איך ווייס טאַקע ניט ווי אַזוי זיי וועלען זיך קענען גערעכט מאַכען פאַר בית דין של מעלה, ווען די מדת הדין וועט טענה'ן פאַר'ן רבונו של עולם פאַר וואָס האָבען די תלמידי חכמים און רבנים נישט געהעריג געשטראָפט דעם המון ישראל אין אַמעריקא?

„עס איז דאָך באַוואוסט וואָס די חז"ל זאָגען (שבת נ"ח) ווען הקב"ה האָט געזאָגט צום מלאך „והתוית תו על מצחות הצדיקים תו של תחי' ועל הרשעים תו של מות", האָט די מדת הדין גע'טענה'ט: „מה נשתנה אילו מאילו וכו' וכו', עיין שם". האָט די מדת הדין מנצח געווען און די גזירה איז ארויסגעגעבען געוואָרען אויך אויף די צדיקים, אַזוי ווי עס שטעהט „ממקדשי תחלו" זעהען מיר דעם כח פון דער מדת הדין, אבוואָהל דער רבש"ע איז געשטאַנען לימין הצדיקים און האָט מעיד געווען פאַר די פמליא של מעלה אַז זיי זיינען צדיקים גמורים האָבען זיי פון דעסטוועגען ניט געקענטביישטעהן די מדת הדין פאַר וואָס זיי האָבען ניט מוכיח געווען צו די מענשען פון זייער דור. כאָטש פאַר'ן רבש"ע איז געווען גלוי אַז עס וואָלט ניט געהאָלפען, אָבער פאַר זיי איז דאָך נישט געווען גלוי, און די מדת הדין האָט גובר געווען . . .

„לכן, געפין איך פאַר נויטיג מעורר און מזרז צו זיין את רומעכ"ת אלס דער זקן הרבנים פון דער מדינה איז אויף איהם די פליכט מזרז צו זיין אַלע רבנים אַז זיי זאָלען זיך משתדל זיין מיט אַלע כחות מתקן צו זיין די פרצות פון דעם הייליגען שבת, צו זוכען תחבולות מיט עצות דורך רייד און פרעסע כדי אויפצוקלערען אונזערע ברידער די גרויסקייט און הייליגקייט פון שבת, און פאַרקערט וועגען די שטריינגע שטראָף פון אַ מחלל שבת, זיי מזרז זיין תשובה טהאָן בחשובה שלימה, זיי זאָלען חרטה האָבען אויף זייערע מעשים און זיי זאָלען מקבל זיין אויף זיך בקבלה דאָס מעהר ניט צו טהאָן.

„עס איז נויטיג און פאַסיג פאַר כבודו צו פאַררופען אַ ספּעציעלע אסיפה אום זיך צו באַראַטהען ווי אַזוי מתקן צו זיין דעם שרעקליכען קלקול. פאַר

דעם צוועק שיק איך אייך הונדערט קול קורא'ס וועלכע ערקלעהרען אט די
אַלע ענינים. איך וועל אייך דאַנקבאַר זיין אויב איהר וועט מיר לאָזען ווי־
סען די שריט וועלכע איהר האָט געמאַכט אין דער אָנגעלעגענהייט.

„אין זכות פון שמירת שבת קדש כהלכתו, וועלען מיר זוכה זיין לישועות
ונחמות צו אלס וואָס הקב"ה האָט צוגעזאָגט דורך ירמיהו הנביא".

לג.

# אלס אַ כהן

אַ גרויסען איינפלוס און טיעפע ווירקונג אויף דער גייסטיגער ענטוויקלונג און וויכטיגע שאַפונגען פון חפץ חיים, האָט אָהן צווייפעל געהאַט זיין געפיהל פון פאַראַנטוואָרטליכקייט אַלס כהן. און געוועזן איז ער אַ כהן מיוחס. ווי ס'איז שוין באַטאַנט געוואָרען אין אַ פריהערדיגען קאַפּיטעל, האָט דער חפץ חיים אַליין אַמאָל דערצעהלט אַז ער האָט איינמאָל געהערט פון זיין פאָטער, אַז ער שטאַמט פון דער משפחה פון גאון וצדיק ר' רפאל הכהן האמבורגער, דער מחבר פון די ספרים „דעת קדושים", מרפא לשון", „ושב הכהן", „תורת יקותיאל", א. ז. וו. 1) לויט אַ טראַדיציע איז דער ווילנער גאון — ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס זיין פאָטער האָט איהם אַלס בכור אויסגעלייזט צו דרייסיג טעג — געפאָהרען זיך אַליין אויסלייזען צו ר' רפאל'ן, ווענען ער האָט באַטראַכט אַלס ריכטיגען אָפּשטאַם פון אהרן הכהן. (זעה ספר „עליות אליהו" צוליב'ן ספק יחוס פון די כהני הזמן האָט ער זיך אויסגעלייזט פון איניגע כהנים ווי פון ר' מאיר הכהן ראפאפארט, וועמעס פאַמיליע האָט געהאַט יחוס־בריעף, א. אז. וו.).

---

1) ר' רפאל בר' יקותיאל זיסקינד הכהן (1722־1803) איז געווען פון די גרעסטע גאונים און גייסטיגע פיהרער פון זיין דור. האָט געלערנט אין מינסק ביים אַרטיגען גאון און ר"מ ר' ארי' בר' אשר וועמעס נאָכפאָלגער ער איז נאָכהער געוואָרען. דער גאון ר' חיים וואָלאָזשינער איז געווען זיינער אַ תלמיד. ר' רפאל איז געווען רב ור"מ אין די קהלות: ראקאוו, ווילקאמיר, מינסק, פינסק און פויזען. האָט זיך ענטזאָגט אָנצונעמען אַ כתב רבנות פון בערלין. אין יאָהר 1776 איז ער אויפגענומען געוואָרען אַלס רב פון די דריי באַריהמטע קהלות (אהו) אלטונא האמבורג וואנדזבעק אין יאָהר 1799 האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון רבנות כדי ווי ער האָט זיך אויסגעשפּראָכען צו קאָנען לעבען די לעצטע יאָהרען מיט מעהר זהירות פון לשון הרע. זיין רעזיגנאַציע איז באַדויערט געוואָרען אין אַ בריוו צו איהם פון קעניג פון דענעמאַרק אונטער וועמעס מאַכט האמבורג איז דאַן געווען. אין דיזען בריוו האָט דער קעניג געהעריג הויך אָפּגעשאַצט דעם גרויסען רב'ס פאַרדינסטען פאַר זיין פאָלק און דער מענשהייט בכלל.

דערצעהלט דער חפץ חיים, אַז ר' רפאל האָט יעדען איינעם מקבל געווען מיט גרויס ליבשאַפט און בסבר פנים יפות. ער האָט פריהער אָבער געבעטען ניט צו רעדען מיט איהם וועגען אַנדערע מענשען.

(זעה „זכור למרים" זייט 36.)

דער „כהן גדול פון דור" איז געווען דער טיטול מיט וועלכען די גדולים פלעגען דעם חפץ חיים באַצייכענען. מען דערציילט אַז דער גרויסער גאון ר' חיים בריסקער האָט אַמאָל געבעטען אַ באַקאַנטען אידען, וועלכער האָט איהם געזאָגט אַז ער פאָהרט קיין ראדין: „זייט אַזוי גוט, גריסט בשמי דעם חפץ חיים און זאָגט איהם למען השם אין מיין נאָמען, — ווי דערלעבט מען שוין איהם צו זעהן באָרוועס מיט דער העמד איבער די מכנסים און טראָגענדיג שטיינער אויפ'ן האַרצען (חושן ואפוד)!" ד. ה., ער האָט געהאָפט אַז אויב דער בית המקדש וואָלט אויפגעבויט געוואָרען אין זיינע יאָהרען, וואָלט דער חפץ חיים אויסגעקליבען געוואָרען אַלס דער פּאַסיגסטער צו זיין דער כהן גדול אויף צו טאָהן די עבודה. דער חפץ חיים, דאָס דערהערענדיג, זאָל האָבען באַמערקט: „הלואי ווי אַ כהן הדיוט!"

דער חפץ חיים פלעגט שטענדיג טאָהן יעדע זאַך מיט אויסערגעוועהנליכע זריזות. ניט נאָר פלעגט ער לויפען טאָהן אַ דבר מצוה נאָר אין אַלע זיינע מעשים האָט זיך שטענדיג געפיהלט אַ יוגענדליכע פרישקייט און לעבעדיגקייט. אַלעס האָט ער געטאָהן שנעל ווי אַ קינד, מיט דער באַמערקונג „כהנים זריזים הם". מען דאַרף זיך געוואוינען אין אַלעס צו זיין אַ זריז.

אַלס כהן גדול פון דור ווערט ער אונצעהליגע מאָל באַצייכענט אין די פיעלע הסכמות הגאונים אויף זיינע צאָהלרייכע ספרים. עס ווערט באַטאָנט, אַז זאָגאַר זיין ערשטען חבור „חפץ חיים" אויף די דינים פון לשון הרע האָט ער געשאַפען, אַ דאַנק זיין כהונה. ווי באַוואוסט, פאַרזאָרגט די תורה דעם מצורע זיך צו ווענדען מיט זיין צרעת ניט צו קיין רופא נאָר צום כהן (ונגע צרעת כי תהי' באדם והובא אל הכהן) וועלכער האָט געהאַט די אויפגאַבע און אויטאָריטעט צו ערקלעהרען דעם מצורע ריין, אָדער אומריין. „מצורע", זאָגען די חז"ל, מיינט „מוציא רע" — דאָס מיינט, אַז צוליעב רייד — לשון הרע — קומט צרעת אַלס שטראָף, האָט דאריבער די תורה געוואָלט אַז דער מצורע זאָל לערנען די נויטיגע לעקציע וועגען דער שעדליכקייט פונ'ם מענשליכען צונג. זי האָט איהם געהייסען געהן צום כהן, ווען זי האָט איבערגעגעבען די קראַפט, מיט זיין דבור צו ערקלעהרען דעם מצורע פאַר אַ טמא אָדער טהור. דורכדעם האָט דער מצורע געהאַט אַן אָנצוהערעניש וועגען די ערנסטקייט פון זיין זינד, און אַז דער כח הדבור אויב מען קאָנטראָלירט איהם ניט ווי געהעריג, קען אַ מענשען פאַראומרייניגען... ווען דער מצורע איז שפּעטער אויסגעהיילט געוואָרען, האָט ער אין זיין ריינינגונג בעדאַרפט דורכ-

מאַכען אַ פּראָצעדורע מיט קרבנות, ווידער אַלעס דורך דער פאַרמיטלונג פון כהן.

ובפרט לויט דער באַהויפּטונג פון די חכמי התלמוד איז דער חטא פון לשון הרע מעכב די גאולה. האָט דאריבער דער חפץ חיים אַלס כהן געזוכט צו היילען זיין פאָלק מיט זיינע הייליגע מוסר ספרים. דאָס איז אין איינקלאַנג מיט'ן פּרינציפּ אז עס איז פיעל וויכטיגער און מעהר ראַטהזאַם צו זוכען די פאַרהיטונג פון אַ מחלה איידער זי צו היילען. דאריבער האָט ער געשטרעבט אויסצוראָטען לשון הרע וועלכעס פאַראורזאַכט די מחלה צרעת.

דאָס זעלבע איז אויך מיט „חסד". „כי שפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיהו", די ליפּען פון כהן היטען אָפּ וויסענשאַפט, און תורה ווערט געזוכט פון זיין מויל. „עשות משפט וחסד" צו פּראַקטיצירען גערעכטיגקייט און חסד לויט'ן נביא איז חשוב'ער ווי ברייגען קרבנות. טהאָן חסד איז דא־ריבער במקום קרבן. אונזער מחבר ציטירט פון „אבות דרבי נתן", אַז איינמאָל שטעהענדיג נאָהענט פון די חורבות פון בית המקדש האָט רבי יהושע אין פאַרצווייפלונג געזאָגט צו רבי יוחנן בן זכאי — וועה צו אונז אַז מיר דאַרפען צוקוקען ווי דער אָרט וואו דורך קרבנות זיינען די אידישע זינד פאַרגעבען געוואָרען, איז חרוב!"

האָט איהם רבי יוחנן אויף דעם געענטפערט: מיין קינד, זיי ניט אַזוי פאַרצווייפעלט, ווייל צי טאָהן חסד איינער מיט'ן צווייטען, איז פונקט אַזוי גוט און ווירקזאַם אַלס כפרה אזוי ווי קרבנות אַמאָל, „כי חסד חפצתי ולא זבח".

האָט דעם כהן'ס אויפגאַבע באַדאַרפט זיין צו פאַרשטאַרקען וואָס מעהר די מדה פון חסד. זעהענדיג ווי דער גלות ווערט וואָס ווייטער אַלץ מעהר אונערטרעגליך, ווי עקאָנאָמיש ווערט דער איד גע'רודפ'ט פון אַלע זייטען, האָט ער געזוכט צו פאַרשטאַרקען די מדה פון חסד צווישען זיין פאָלק, אַזוי ווי דער מדרש דערצעהלט אַז פון גלות מצרים זיינען אידען אויסגעלייזט געוואָרען צוליעב אָט דער מדה וואָס זיי האָבען, טראָגען זייערע צרות און קשוי השעבוד, אויף זיך גענומען צו פאַרשטאַרקען. אזוי איז געשאַפען געוואָרען זיין ספר „אהבת חסד".

דאָס שאַפען פון זיינע ספרים אויף הלכה, ווי דער „משנה ברורה" א. א. וו., איז אויך ניט ווינציג בעאיינפלוסט געוואָרען פון זיין כהונה, די תורה באַצייכענט די אויפגאַבע פון כהן צו לערנען די געזעצען צו יעקב'ן און די משפטים צו ישראל (יורו משפטיך ליעקב ותורתך לישראל). אַלס מורה און פוסק האָט

טאַקע דער חפץ חיים פריהער פון אַלעמען געזאָרגט פאַר יעקב'ן, ד. ה. פאַר'ן פשוט'ען אידען, און נאָכהער פאַר ישראל'ן, פאַר'ן תלמיד חכם. צוערשט האָט ער זיינע וויכטיגע ספרים געשאַפען פאַר'ן כלל, נאָכדעם האָט ער זיך גענומען צום שאַפען ספרים פאַר לומדים, ווי דער „אספת זקנים", באור אויפ'ן „תורת כהנים" און זיין ריעזען ווערק: דער „לקוטי הלכות" אויף קדשים.

לד.

# דער סדר קדשים

עס איז ידוע אַז אין פאַרלויף פון הונדערטע יאָהרען איז דער לימוד אין די ענינים פון קדשים זעהר שטאַרק פאַרנאַכלעסיגט געוואָרען אין דער לומדי׳שער וועלט. תלמידי חכמים האָבען זיך הויפּטזעכליך אָפּגעגעבען מיט די דריי טיילען פון תלמוד, נעמליך: סדר מועד, סדר נשים און סדר נזיקין. בלויז יחידי סגולה אין יעדען דור פלעגען זוכען צו פאַרפאָלקאָמנען זייערע ידיעות אין די מסכתות פון קדשים.

דער חפץ חיים האָט אַמאָל דערצעהלט אַז ער האָט איינמאָל פאַרבראַכט אַ צייט אין לערנען מיט׳ן גאון ר׳ אלעזר משה פון פּינסק. ער איז נתפּעל געוואָרען פון דעם לעצטענ׳ס שאַרפע און טיפע בקיאות אין קדשים. האָט ער איהם געפרעגט צי ער ווייס פון נאָך אימיצען וואָס זאָל זיין אזוי קלאָר אין די ענינים. האָט איהם ר׳ אלעזר משה געענטפערט: "ר׳ ליפּע מירער (מחבר פון ספר „מלבושי יום טוב") ווייס בעסער קדשים ווי איך אפילו מיט פאַרמאַכטע אויגען וואָלט ער געקאָנט טהאָן די עבודה אָהן שום טעות".

עס איז אַ פאַקט אַז זאָגאָר די „ראשונים", מיט אַכט, ניין הונדערט יאָהר צוריק, האָבען מעהרסטענס זייערע אָפּהאַנדלונגען געשריבען אויף די ענינים וועלכע באַלאַנגען בזמן הזה. „קיין וואונדער ניט", ערקלערט דער חפץ חיים, „זיי האָבען דאָך ניט געהאַט די אַלע באַקוועמליכקייטען וואָס מיר האָבען. זיי האָבען ניט פאַרמאָגט קיין שלחן ערוך פון וואַנען צו ענטפערען אויף אַלע שאלות וואָס מ׳האָט זיי געפרעגט. פאַר אַלע זייערע באַשלוסען האָבען זיי באַדאַרפט זוכען באַגרינדונגען אין דער גמרא, און דאָס איז דאָך ניט קיין לייכטע זאַך. דער דרוק האָט נאָך דעמאָלט ניט עקזיסטירט און אַלץ האָט באַ־דאַרפט געשריבען און איבערגעשריבען ווערען מיט דער האַנט. איז דעריבער ממש אונמעגליך געווען צו בעאַרבייטען גענוי די הלכה פון יעדער דין און פּרינציפּ. זיי האָבען דאַריבער זייער צייט און מיה געווידמעט צו באַהאַנדלען די יעניגע דינים וועלכע זיינען נוגע צו וויסען פאַר דער אלטעגליכער הנהגה,

הלכה למעשה, אָבער ניט אויף קדשים און די ענינים וועלכע זיינען נוהג בזמן שבית המקדש קיים. אַזוי האָט געטהאָן דער פאַטער פון די פוסקים, רבנו יצחק אלפסי (1013־1103), פאַרפאַסענדיג מיט בערך 900 יאָהר צוריק א חיבור בלויז אויף די פרקים און מסכתות פון תלמוד וועלכע ענינים געהען אָן היינ־טיגע צייטען. אין זיינע פיס־טריט האָבען נאָכגעפאָלגט רבנו אשר בן יחיאל דער רא״ש (1250־1328) זיין זוהן רבנו יעקב בעל הטורים (געש. 1340) און רבי יוסף קרא (1488־1575). די לעצטע האָבען מחבר געווען דעם שלחן ערוך בלויז אויף די דינים וועלכע האָבען אַ שייכות צו אונזער גלות פעריאָדע אַליין. (זעה הקדמה צום „לקוטי הלכות״).

דער חפץ חיים אָבער זייענדיג טיף דורכגעדרונגען מיט אַ פעסטען און שטאַרקען גלויבען אין דער נאָהענטקייט פון ביאת המשיח, זייענדיג זיכער, אַז גאָר אין גיכען וועט דער אויבערשטער צוריקעהרען זיין פאָלק ישראל אויף זייער הייליג לאַנד און אַז דער בית המקדש וועט צוריק אויפגעבויט ווערען האָט ער זיך אַליין און זיין פאָלק געוואָלט צוגרייטען צו דער גאולה. לויט׳ן תלמוד טאָרען ניט קיין כהנים היינטיגע צייטען טרינקען קיין וויין וועלכעס מאַכט שכור, ווייל טאָמער קומט פלוצלונג משיח און דער בית המקדש ווערט על פי נס אויפגעבויט וועלען זיי שכור׳ע ניט טאָרען טאָן די עבודה. אויך זאָגט דער תלמוד, אַז אויב איינער נעמט אויף זיך צו ווערען אַ נזיר „ביום שבן דוד בא״, דעם טאָג ווען משיח וועט קומען איז איהם גלייך היינט פאַר־באָטען צו טרינקען וויין, ווייל משיח קאָן דאָך יעדען טאָג קומען. אפילו נאָך היינט. אַזוי שטאַרק האָבען אונזערע חכמים געגלויבט און געהאָפט אויף משיח׳ן, און האָבען געזוכט זייער גלויבען איינצופלאַנצען אינ׳ם פאָלק.

צוריקקערענדיג פון „גלות בבל״ איז דער נביא חגי בעאויפטראַגט גע־וואָרען צו עקזאַמינירען די דאַמאָלטדיגע כהנים צי זיי וויסען די דינים פון טומאה וטהרה. לויט דער גמרא „אישתביש כהני״, האָבען טאַקע יענע כהנים דאַן גוט געוואוסט, און כביכול האָט געהאַט פאַרדרוס, (פסחים י״ז ע״א).

נעמענדיג דאָס אַלעס אין אנבאַטראַכט האָט דעריבער דער חפץ חיים אַלס כהן זיך געווידמעט צו דער אויפגאַבע פון שאַפען ספרים אויף דעם גע־ביט, ועל כלם האָט ער געשאַפען דעם „לקוטי הלכות״ וועגען וועלכען דער גרויסער גאון ר׳ חיים סאלאָווייטשיק האָט זיך אויסגעדריקט, אַז ווען ער וואָלט ניט געוואוסט ווער דער מחבר איז, וואָלט ער געמיינט אַז עס איז אַ ווערק פון רב אַלפס בשעתו.

דער חפץ חיים האָט מיט אַלע כחות געזוכט צו מאַכען דעם „סדר קדשים" צוגענגליך פאַר לומדים מיט זיינע ספרים, ביאורים און פירושים דורך וועלכע ער מאַכט לייכט צו פאַרשטעהן די שווערסטע ענינים. זיינע אויספיהרונגען און הלכות זיינען געבויט אויף די יסודות פון רמב"ם. דער „לקוטי הלכות" ערגענצט די אַרבייט פון רב אלפס אויף די פאָלגענדע נייצעהן מסכתות: זבחים, מנחות, פסחים, חגיגה, יומא, תמיד, תמורה, כריתות, בכורות, ערכין, מעילה, נזיר, שבועות, ראש השנה, סנהדרין, מכות, הוריות, סוטה און נדה. און אַ השלמה ללקוטי הלכות הראשונים אויף מסכתות שבת, פסחים, מגילה, יבמות, קידושין, בבא מציעא, חולין.

כדי צו פאַרווירקליכען זיינע פלענער אויף אַ מעהר פראַקטישען אופן האָט אונזער כהן גדול געגרינדעט אין זיין ישיבה אַ קבוץ פון יונגע לייט וועלכע האָבען נאָך דער חתונה זיך געוואָלט פאַרבערייטען פאַר רבנות. זיי האָט ער פאַרפליכטעט צו לערנען אַמוייניגסטענס דריי שטונדען אַ טאָג דעם „סדר קדשים" אום צו זיין קלאָר אין די דינים הלכה למעשה. „מ'דאַרף זיין גרייט; מהרה יבנה המקדש!" פלעגט ער אימער זאָגען. אַלעס קאָן דאָך געשעהן, אַזוי אונערוואַרטעט און אַזוי פלוצלונג אַז עס וועט ניט זיין קיין צייט דאָן צו לערנען. דער עולם וועט וועלען וויסען די דינים בנוגע קרבנות, טומאה וטהרה, תרומה, בכורים, מעשרות, כלאים וכדומה. זיי וועלען דאַן גלייך לויפען צו די תלמידי חכמים, צו די רבנים און מורי הוראה — דאַריבער דאַרפען דאָך די לעצטע זיין מוכן זיי צו קאָנען ענטפערען. ער האָט נאָכהער אויך אָרגאַניזירט און מעורר געווען די כהנים פון גאָר דער וועלט זיי זאָלען זיך אויך נעמען צו די לימודים.

אין זיין שטעדטעל האָט ער ניט איין מאָל צוזאַמענגענומען די אָרטיגע כהנים וועלכע האָבען אַליין ניט געקאָנט לערנען און מיט זיי אין סידור געלערענט די פרקים פון „איזהו מקומן".

אינטערעסאַנט איז די התנצלות פון מחבר אין דער צווייטער הקדמה צום ערשטען חלק „לקוטי הלכות", וועלכע פאַנגט זיך אָן אַזוי:

„זאָל מיר קיין מענש ניט חושד זיין אַז מיין כונה איז חס ושלום געווען זיך אָנצוטאָן אין אַ מאַנטעל פון די ראשונים און זיך צו זיי צוצוגלייכען. חלילה וחלילה! ווייל ווי אַזוי קאָן ביי זיך פועל'ן אַן אָרימאַן וועלכער איז געקליידעט אין אַלטע צוריסענע קליידער און ערנעהרט זיך מיט ברעקלאַך, וואָס ער האָט צוזאַמענגעקליבען אין די הייזער פון די רייכע צו וועלען געהן

און זיצען צווישען די נאָבעלע לייט און דענקען אַז דורך זיצען צווישען זיי וועט מען איהם אויך אַריינרעכענען צווישען אדעל? די שמאַטעס מיט וועלכע ער איז אַרומגעבונדען און די טאָרבע וועלכע ער טראָגט וועלען דאָך איהם גלייך פאַרראַטען און דעמאָנסטרירען אַז ער איז אַפילו ניט ווערטה צו זיין אַ טרעטער אונטער זייערע פיס!... דאָס זעלבע איך, וועלכער בין אַזוי נידריג און אָרים אין תורה און מעשים טובים, וואָס פאַרשטעהט ניט אַפילו איין הלכה ווי געהעריג און באַזיץ ניט אַפילו איין מצוה פאָלקאָם, אַזוי ווי מ׳דאַרף, טאָ ווי קאָן מיר גאָר אויפ׳ן געדאַנק קומען אַזאַ זאַך ווי זיך וועלען צוגלייכען צו די ראשונים 1).

די הסכמות הגאונים אויפ׳ן „לקוטי הלכות״ שטייגען איבער די אויף די פריהערדיגע ספרים מיט זייער באוואונדערונג און אָפּשאַצונג פון חפץ חיים׳ס גרויסע גאונות און דערגרייכונגען. ווען דער ספר איז ערשינען אין יאָהר תרנ״ט האָט ער געמאַכט אַ געוואַלדיגען רושם צווישען אַלע לומדים און גדולים.

---

1) ער פלעגט אפט זאגען: „אין מיין יוגענד בין איך געווען א פרומינקער, אבער היינט הלואי זאל איך זוכה זיין אפצוהיטען די „עשין״ מיט די „לאוין״ המפורשים . . .״

ל״ה.

# זיין באַהאַלטענע גרויסקייט

פאַסירט האָט עס איז יאָהר תרנ״א (1891). דער חפץ חיים איז דאַן מיט זיינע ספרים געקומען צו פאָהרען קיין לובלין. דער אָרטיגער רב איז דאַן געווען דער באַוואוסטער גאון ר׳ הלל ליבשיץ. געוואוסט האָט שוין ר׳ הלל פון פריהער אַז דער חפץ חיים איז אַ גרויסער צדיק, ווי ער האָט עס געזעהן פון זיינע ספרים. ווען ער האָט אָבער דאמאלט דערזעהן דעם „משנה ברורה״, איז ער זעהר נתפעל געוואָרען און האָט באַשלאָסען זיך זעלבסט איבערצויי־גען, צי דער מחבר איז טאַקע אויך אַ גרויסער למדן.

באַדאַרפט האָט איין נאָכמיטאָג פאָרקומען ביי איהם אַ שווערע דין־תורה. האָט ער בכיון מיט אַ שטונדע פריהער איינגעלאַדען צו זיך דעם חפץ חיים אויף טהעע, אין דער אַנוועזענהייט פון די דיינים, זיינען זיהן: דער שפּעטערדיגער קאלישער רב, הגאון ר׳ יחזקאל, ר׳ ליזר, ר׳ יעקב און אויך הרב יהודה ווייל (איינער פון די ראשי־ישיבה אין דער ישיבת רבנו יצחק אלחנן, ניו יאָרק).

ווען דער חפץ חיים האָט דערזעהן אינמיטען זיין טהעע טרינקען אַז אידען זיינען געקומען אויף אַ דין־תורה, האָט ער ענטשולדיגענדיג זיך פאַר די אַנוועזענדע זיך אויפגעהויבען, כדי ארויסצוגעהן אין אַנדערן חדר. „מענשען קומען זיך אויס׳טענה׳ן, איז דאָך ניט כדאי סתם אזוי זיצען און הערען. ס׳קאָן דאָך נאָך אויסגעקומען צו הערען עפּעס אַ לשון הרע...״

ווען דער רב האָט עס באַמערקט, האָט ער זיך צו איהם אָנגערופען: „וואוהין געהט איהר, ר׳ ישראל מאיר? די אידען זיינען געקומען האָבען אַ דין־תורה. איהר מעגט דאָ זיצען!...״ ניט וועלענדיג מעיז צו זיין געגען דעם מרא דאתרא, איז ער פארבליבען זיצען. נאָכדעם ווי די בעלי־דברים האָבען

זיך אויסגעט'טענה'ט און אַלע באַווייזען זיינען אויסגעהערט געוואָרען, זיינען די בעלי־דינים אַרויס פון צימער, כדי צו וואַרטען אויף דעם פסק.

אין בית־דין שטיבעל זיינען אַלע געזעסען שטיל, געווענדעט זייערע אויגען צום רב, ער זאָל אָנפאַנגען די הלכה. אויסער אונזער גאַסט, וועלכער איז געבליבען זיצען מיט זיינע אויגען אַראָפּגעלאָזט, פונקט ווי מיט איהם האָט עס גאַרניט געהאַט צו טאָהן. ר' הלל האָט אָבער כסדר זיין בליק פון אורח ניט אַראָפּגענומען. דאַן האָט ער פלוצלונג אַ זאָג געטאָהן צו איהם: „אַלס כהן, ר' ישראל מאיר, דאַרפט איהר פריהער אָנפאַנגען. וקדשתו, לכל דבר שבקדושה שיהא פותח ראשון וכו'...”

דער חפץ חיים האָט ווידער קיין ברירה ניט געהאַט און האָט ניט־ווילענדיג אָנגעפאַנגען, און ווען ער האָט זיך צורעדט האָט ער זיך אָן אַלעמען פאַרגעסען. ער איז צוגעגאַנגען צוערשט צום הויפּט־מקור, צו דער גמרא. נאָכהער צום רמב"ם און זיינע נושאי כלים, צום טור און זיינע מפרשים, צום ש"ע חושן משפט, צום ש"ך מיט'ן ט"ז און די שפּעטערדיגע אחרונים — אַלעס אויף אויסוועניג, מפלפל זייענדיג זיך ביז וואַנען ער האָט קלאָהר להלכה אַרויסגעבראַכט דעם דין. דער רב און אַלע אַנוועזענדע זיינען געזעסען פאַרגאַפטע און זיינען איבערראַשט געוואָרען אַזוי ווי דער רב האָט שפּעטער מיט התפעלות אויסגעדריקט זיין פאַרוואונדערונג: „ער איז אַזוי גרויס אין לומדות ווי אין צדקות. ער איז אַ גאון!” און מיט אַ שמייכעל האָט ר' הלל צו זיינע מקורבים באַמערקט: „אָט דאָס הייסט פאַר'ן חפץ חיים צו ליידען פון דער כהונה”.

ביי אַן אַנדער געלעגענהייט, ווען דעם חפץ חיים איז איינמאָל אויסגעקומען צו זיין אין לובלין אום פורים, האָט דער רב איהם געשיקט בעטען ער זאָל זיין זיין גאַסט צו דער סעודה. האָט זיך דער חפץ חיים אָפּגעזאָגט מיט דער ענטשולדיגונג: „עס איז ניט אַזוי מיין דרך”. ר' הלל האָט אָבער דוקא געוואָלט האָבען די זכיה, אַז ער זאָל זיין גאַסט זיין, האָט ער איהם נאָכאַמאָל געשיקט דורכ'ן שמש זאָגען: „היות, אַז דאָ אין לובלין איז ער דער מרא דאתרא, באַשטעהט ער דורכאויס, אַז דער חפץ חיים זאָל זיין אורח צו דער סעודה זיין”. ר' ישראל מאיר האָט דעמאָלט קיין ברירה נישט געהאַט און געמוזט נאָכגעבען.

דערצעהלט הרב ריי"מ טיקאָצינסקי פון ירושלים, אַז אין יאָהר תרס"ג האָט

ער וועגען אַ געוויסען ענין געשריבען צוזאַמען מיט הגאון ר׳ אליי׳ דוד תאומים ראבינאָוויץ זצ״ל, אַ בריוו צום חפץ חיים. ווען הרב טיקאָצינסקי האָט אָנגעפאַנגען זיין שרייבען „כבוד הרב הגאון הצדיק...״ האָט ר׳ אליי׳ דוד באַמערקט מיט אַ שמייכעל: „דער חפץ חיים אָדער ער וועט לאַכען אָדער זיך מצער זיין לעזענדיג אַזאַ טיטעל אויף איהם. איך און פילע אַנדערע רבנים האָבען שוין לאַנג אויפגעהערט אויף איהם צו שרייבען, הגאון כדי איהם ניט צו פאַרשאַפען קיין צער.

עס איז פשוט ניט צו פאַרשטעהן ווי אַזוי האָט אַזאַ אינערליך ריזען־גרויסקייט זיך געקאָנט מצמצם זיין אין זיין אויסערליך פיזישע קליינקייט און שוואַכקייט? ווי אַזוי האָט אַזאַ גיגאַנטישע נשמה זיך געקאָנט האַלטען אין אַ כמעט קערפּערלאָזען קערפּער? עס איז אומבאַגרייפליך, ווי אַזוי אַזאַ קליינטשיקער און דאַרינקער גוף האָט מיט אַזאַ מאַיעסטעטישער ווירדע גע־טראָגען דעם כתר שם־טוב פונ׳ם גאַנצען פאָלק, פון אַלע קלאַסען אידען?

ער איז, דאַכט זיך, תמיד געווען אַזוי טיף ערנסט אין זיין דענקען און רעדען. ער האָט טייכען טרעהרען פאַרגאָסען. ער האָט געפיהלט און גע־וועהטאָגט דאָ אויף גלות־השכינה, דאָ אויף די ליידען און שמערצען פון זיין געפּלאָגט פאָלק און דאָ באַטראַכטענדיג זיך זעלבסט אַלס זינדיגער, האָט ער אין זיינע תפלות ותחנונים געזיפצט און געקרעכצט. פונדעסטוועגען האָט זיין ליכטיגער און איידעלער פּנים אויסגעדריקט גוטמוטיגקייט און ליכטיגקייט, אַ קוואַל פון שמחה, אינערליכע שמחה, שמחת הנפש איז אויף זיין צאַרט גע־זיכט אימער אויסגעגאָסען געווען. זיינע שעהנע ליפען האָבען שטענדיג גע־שמייכעלט. זיינע קלאָהרע און פייערדיגע אויגען האָבען געשטראַהלט מיט יוגענטליכער פרישקייט און מילדקייט. ער איז תמיד וואך געווען, שטענדיג ריהרעווידיג און ענערגיש. מוטה און האָפנונג האָבען איהם קיינמאָל ניט פאַר־לאָזט. זיין שעהנע, ניט געדיכטע, ניט לאַנג געוואקסענע באָרד האָט מיט איהר זילבער־ווייסקייט אַ באַזונדער פּאַטריאַרכאַלישען חן איהם צוגעגעבען.

אַלעס איז איהם אָבער געלונגען צו פאַרדעקען און באַהאַלטען אונטער זיין איינפאַכער הלבשה. ער האָט געטראָגען אַ לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטע, אַ שוואַרצע סאַמעטענע היטעל און שטיוועל, פּונקט ווי פּשוט׳ע אידען פון אַלטען דור קליידען זיך אין יענע געגענטען נאָך עד היום הזה.

די יעניגע, וועלכע האָבען איהם פערזענליך ניט געקאָנט אַלס דער חפץ

חיים, וואלטען איהם צוליעב זיין איינפאכער אויסערליכקייט זעלטען אנגע־נומען אלס דעם „חד בדרא", וועמעס פרסום ס'איז געווען אוניווערסאל.

מען דערצעהלט, אז איינמאל פאהרענדיג אויפ'ן באהן, האט איינער א פרומער איד באמערקט אין א ווינקעל פון וואגאן זיצענדיג א קליין געוויקסיג אידען, האלב פארטראכט און האלב דרעמלענדיג. דער איד האט זיך צו איהם צוגערוקט נעהנטער, און ווי דער שטייגער איז פון אחינו בני ישראל, האט ער אנגעפאנגען זיין באקאנטשאפט מיט'ן געוועהנליכען נוסח:

„שלום עליכם! פון וואנעט איז א איד?"

„פון ווילנער גובערניע".

„אבער פון וואסער שטאדט?"

„פון א קליין שטעדטעלע נאהענט צו לידא", איז ווידער געווען דער ענטפער.

„אבער ווי אזוי רופט מען אייער שטעדטעל?" האט איהם דער איד אין זיין נייגעריגקייט ניט אפגעלאזט.

„א, ראדין. ראדין איז דער נאמען פון מיין שטעדטעל", האט ער בא־שיידען געענטפערט.

„אזוי, ראדין?!" דא איז דער איד אריין אין עקסטאז. „אזוי, איהר זענט א ראדינער איד! דארטען האט איהר דאך א גרויסען צדיק, דער חפץ חיים זאל געזונט זיין!"

אבער דער ראדינער אידעלע האט אזא באמערקונג ניט געקענט סובל זיין און האט מיט א טאן פון ביטול גלייך געזאגט:

„גאר א צדיק! ווייס איך וואס! ער איז א פשוט'ער איד ווי אלע אידען!"

דאס האט דער אומגעדולדיגער איד שוין מעהר ניט געקאנט פאן ליידען. „געהערט א העזה פון א אידען! צו באליידיגען דעם חפץ חיים! פע, א שאנ־דע! אן אלטער איד אזוי ווי איהר זאל זיך ערלויבען מזלזל צו זיין אין כבוד פון איינעם אויף וועמען די גאנצע וועלט איז מסכים, אז ער איז דער צדיק הדור!"

אבער דער אלטיטשקער איז קנאפ־וואס נתפעל געווארען פון אזא מוסר און האט זיך ווייטער געהאלטען עקשנות'דיג ביי זיינס און האט האלב־שטאמלענדיג פראטעסטירט, אזוי ווי צו זיך אליין:

„ניין, ניין! איך ווייס, איך קאן איהם. ער איז ניט קיין צדיק. ער איז אן איינפאכער איד!"

דער קנאַי'דיגער איד איז נאָך מעהר אויפגערעגט געוואָרען און האָט פאַרשטאַרקט זיין זידלעריי.

אָבער איידער וואָס, איידער ווען, האָט זיך דערווייל די באַהן אָפּגעשטעלט ביי אַ סטאַנציע. נייע פּאַסאַזשירען זיינען אַרויף, וועלכע האָבען גלייך דער־קאָנט דעם חפץ חיים. זיי זיינען גלייך צוגעגאַנגען צו איהם מיט אַ טיעפען יראת־הכבוד.

ווען דער איד האָט פּלוצלונג אויסגעפונען ווער דער באַליידיגטער איז, האָט ער זיך זעהר דערשראָקען, און האָט מיט צער און טרעהרען אַרויס־געשטאַמעלט:

„רבי, זייט מיר מוחל! איך האָב ניט געוואוסט...״

הויבט דער חפץ חיים מיט זיינע אַקסלען און קאָן ניט פאַרשטעהן, פאַרוואָס עפּעס דאַרף ער מוחל זיין. ער זאָגט, אַז ער האָט איהם באַליידיגט. אָבער ווי אַזוי און מיט וואָס? אָ, יאָ. ער האָט איהם גערופען צדיק. ער איז דאָך ניט שולדיג געווען, ער האָט דאָך ניט געוואוסט! מילא, וואָס אַריבער איז אַריבער! אויף זיין געזיכט האָט מען געקאָנט לייענען די פראַגע:

„ווייסט שוין דער איד לכל הפחות איצט זיין טעות, אַז ער, דער חפץ חיים, איז אַ פּשוט'ער קליינשטעדטעלדיגער איד און ניט קיין צדיק?״

פיעלע עהנליכע אינצידענטען ווערען דערצעהלט, וועלכע כאַראַקטערי־זירען די גרויסקייט פון זיין ענויות און ווי אַזוי ער האָט מיט אַלע מיטלען געזוכט זיך זעלבסט מבטל צו זיין מיט אַן אמת.

אויף לאַנג צו באַהאַלטען זיין גדלות איז איהם אָבער קיינמאָל ניט גע־לונגען.

עס ווערט, צום ביישפּיעל, אויך דערצעהלט, אַז איינמאָל זיצענדיג אין אַ קרעטשמע, און וואַרטענדיג צו פאָהרען אין אַ נאָהענטער שטעדטעל, זיינען בעלי־עגלות געזעסען און גערעדט צווישען זיך. איינער דערצעהלט:

„מ'זאָגט אַז דער חפץ חיים אַליין וועט זיין ביי אונז אין שטעדטעל״. באַמערקט אַ צווייטער בעל־עגלה: מ'זאָגט אַז ער איז גאָר אַ גרויסער צדיק און אַ גאון, און אַז די וועלט האָט ניט אין אונזערע דורות נאָך אַזאַ גרויסען מענשען!״

זייער אויפמערקזאַמקייט איז פּלוצלונג געצויגען געוואָרען צו די ווער־טער פון עפּעס אַ פרעמדען אידעלע, וועלכער איז געזעסען נאָהענט צו זיי און וועמען זיי האָבען אָנגענומען אַלס אַ משולח.

„ער איז גאַרניט אַזוי גרויס ווי איהר מאַכט איהם. איך קאַן איהם גראַד... ער איז ניט מעהר ווי אַן אָרענטליכער איד, וואָס זוכט אָפּצוהיטען דעם שלחן־ערוך", האָט ער צו זיי באַמערקט.

ווען די בעלי־עגלות האָבען דאָס דערהערט, האָבען זיי דעם אומבאַ־קאַנטען אידעל אַ רעכט ביסעל מבזה געווען אויף'ן בעל־עגלה'שען שטייגער, צוליעב דער גרויסער העזה פון דעם פרעמדען מבטל צו זיין דעם חפץ חיים. זיי האָבען שוין זאָגאַר געקלערט אַלס קנס איהם גאַרניט לאָזען פאָהרען מיט זיי. זעהענדיג אָבער ווי דער פרעמדער משולח האָט אויף זייערע באַליידי־גונגען גאַרניט געענטפערט, זיינען זיי ווייכער געוואָרען און איהם מיטגע־נומען אויף איינע פון זייערע פוהרען.

ווען זיי זיינען געקומען אין שטאָדט און האָבען זיך דערוואוסט, אַז אַט דער פרעמדער, וועלכער איז מיט זיי געקומען אין ניט קיין אַנדערער ווי דער חפץ חיים, זיינען זיי זעלבסטפאַרשטענדליך גלייך געקומען צולויפען, כדי איהם מפייס צו זיין און בעטען מחילה.

דער חפץ חיים האָט זיי מיט אַ שמייכעל באַרוהיגט, אַז אויב עס וואָלט געווען פאַר וואָס צו בעטען מחילה, וואָלט ער עס דאָך גאָר באַדאַרפט טהאָן און ניט זיי. ער האָט דאָך מבטל געווען דעם חפץ חיים און ניט זיי...

* * *

אין יאָהר תרס"ט האָבען די מוסדות התורה אין ירושלים דורכגעלעבט אַן אויסערגעוועהליכען שווערען קריזיס. זייער עקזיסטענץ איז געווען באַ־דראָהט צוליעב די אומערטרעגליכע לאַסט פון חובות. זיי האָבען געהאַט אָנ־געבאָרגט זעהר פיעל, ערוואַרטענדיג אויף אַ באַדייטענדיגע הכנסה, וועלכע איז דאַן אָבער געווען קליין און נישטיג. די ישיבה „תורת חיים" האָט זיך צוליעב די שולדען געהאַלטען גאָר ביים פאַרמאַכען. איהר מנהל און מיסד הרב ר' יצחק ווינאָגראַד, וועלכער איז געווען אַ גרויסער למדן און צדיק, האָבען די בעלי חובות געסטראַשעט צו אַרעסטירען. דאָס האָט נאָך מעהר גורם געווען אַז די נדבות זאַמלונגען אין די גלות־לענדער זאָלען פּאַראַליזירט ווערען. דער הויפּט־גזבר איבער די גלות־זאַמלונגען איז געווען דער גאון וצדיק ר' חיים סאָלאָווייטשיק אין בריסק. האָט זיך דער בריסקער רב דורכ־געשריבען אייניגע מאָל מכח דעם מיט זיין ידיד נאמן דעם חפץ חיים. דער

לעצטער האָט געפונען פאַר נויטיג פּערזענליך צוליעב דעם צו פאָהרען צו ר׳ חיים׳ן.

נאָך אַ לאַנגער קאָנפערענץ צווישען זיי ביידע מיט דער באַטייליגונג פון ר׳ יעקב זלמן ליבשיץ און אַנדערע, איז באַשלאָסען געוואָרען ראשית טע־לעגראַפיש צו וואָרנען די בעל חובות אין ירושלים, אַז אויב זיי וועלען וואגען צו אַרעסטירען ר׳ יצחק מתמיד, וועלען זיי ריזיקירען צו פארלירען אינגאַנ־צען זייערע חובות. זיי האָבען צוזאַמען אַרויסגעלאָזט אַ קול־קורא צו דער וועלט אַזוי ווי פריהער צו שטיצען דער ישיבה און אַריבערשיקען דאָס געלד אויפ׳ן נאָמען פון בריסקער רב. פון בריסק איז דאָס געלד איבערגעשיקט געוואָרען קיין ירושלים אויפ׳ן אַדרעס פון אַ געוויסען רב פּריוואַט מיט דער פאַראָרדנונג, אַז בלויז אַ געוויסער פּראָצענט זאָל געהן פאַר די בעלי חובות. דיעזען פּסק האָבען זיי מאָטיווירט מיט׳ן פאַקט, וואָס אַלע חובות האָבען זיי דאָך געמאַכט מיט דער אַבזיכט צו פאַרדינען (ניט לשם מצוה גמילת חסד) זיינען זיי דאָך אַריינגעגאַנגען לשם הפסד אַזוי גוט ווי לשם ריוח. והשנית, גיבען דאָך יעצט די מנדבים ניט כדי אָפּצוצאָהלען די חובות פון בעפאָר, נאָר הויפּטזעכליך אַז די תלמידי חכמים זאָלען אין דער געגענוואָרט אויסגעהאַל־טען ווערען. זיי גיבען טאַקע אַלעס אויפ׳ן תנאי פון די גבאים, האָבען אָבער די גבאים ניט קיין מאַנדאַט אויף דעם צו לאָזען די תלמידי חכמים הונגערען און אַלעס אוועקגעבען די בעלי־חובות...

ס׳איז אינטערעסאַנט ווי אַזוי ר׳ חיים האָט מקבל פנים געווען זיין גרוי־סען גאַסט. ר׳ חיים, ווי זיין שטייגער פלעגט זעהר אָפט זיין, פלעגט ער זיצען אַ פאַרטראַכטער אַרויסקוקענדיג דורכ׳ן פענסטער. האָט דער גאון פלוצלונג באַמערקט דעם חפץ חיים קומען. איז ער תיכף אַרויסגעלאָפען איהם מקבל פנים זיין. מיט איהם איז אויך אַרויסגעלאָפען דער בריסקער ראב״ד, דער גדול ר׳ שמחה זעליג.

ביים אַריינגאַנג האָבען זיי זיך אָנגעהויבען צו שפּאַרען, ווער פון די דריי זאָל פריהער אַריינגעהן. ר׳ חיים האָט דורכאויס געפאָדערט, אַז דער גאַסט זאָל אַריינגעהן דער ערשטער. האָט דער חפץ חיים פּראָטעסטירט.

„וואָס הייסט, אויסער אייער גדלות, זייט איהר דאָך דער מרא דאתרא, דאַרפט איהר דאָך אַריינגעהן פריהער! און איהר, ר׳ שמחה זעליג, זייט דאָך דער ראב״ד, דאַרפט איהר דאָך אויך געהן פריהער פון מיר!״

האָט ר׳ חיים באַמערקט, אַז אַלס דער מרא דאתרא וועט ער מאַכען א פשורה, אַז מ׳זאָל אַריין לויט׳ן כדר פון כהן, לוי וישראל. דער חפץ חיים איז געווען דער כהן; ר׳ חיים — דער לוי און ר׳ שמחה זעליג — דער ישראל. צו אַזאַ פסק פון מרא דאתרא האָט שוין דער חפץ חיים קיין ברירה ניט געהאַט, נאָר זיך געמוזט אונטערגעבען.

לו.

# קבלת התורה — „שבועות"

ביים חפץ חיים האָט מען שבועות געפּיהלט די יום־טוב׳דיגקייט מעהר ווי אין אַנדערע ימים טובים. קבלת התורה האָט דאָך געבראַכט די וועלט איהר תיקון. די גאַנצע בריאה האָט דאַן דערגרייכט איהר פאָלקאָמענהייט.

ביי איהם איז געווען קלאָר מעהר ווי צוויי מאָל צוויי איז פיער, אַז „אם לא בריתי יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי", אַז די גאַנצע וועלט איז באַשאַפען געוואָרען און עקזיסטירט נאָר בזכות דער תורה. אייגענטליך גלויבען אַלע פרומע אידען אַזוי ?... ס׳איז אָבער אַ גרויסער חילוק. ביי זיי איז אָט דער גלויבען ניט איינגעוואָרצעלט אַזוי טיעף אין האַרצען אַזוי ווי ס׳איז געווען ביי איהם. ספקות׳דיגע מחשבות כאַפּען זיך אַמאָל ניט ווילענ־דיג אַריין אין זייערע געדאַנקען, זעהענדיג ווי אַלע וואַכענדיגע חכמות פאַר־נעמען דעם אויבען אָן און די תורה איז עלענד און דערנידעריגט. אָבער ביים חפץ חיים זיינען גאָר אַזעלכע ספקות ניט מעגליך געווען. מיט זיין קלאָרען קאָפּ, טיעפען און שאַרפען מח איז ער פיליייכט געווען מעהר דענקער ווי די יעניגע וועלכע האָבען אַזוי גאווה׳דיג די חכמה אין זייער מאָנאָפּאָל גענומען. ועל כולם איז דער חפץ חיים געווען באַפּאַנצערט מיט אמונה און צדקות ווע־מעס גלייכען מ׳וואָלט באַדאַרפט זוכען אין די גאָר אַלטע צייטען. דאריבער האָבען אויף איהם די צוויפעל פיילען פון די אפיקורסים און סקעפּטיקער קיין שליטה ניט געקאָנט האָבען.

דער חפץ חיים פלעגט שטענדיג באַטאָנען, אַז די תורה איז דער קוואַל פון אמת. לויט זיין אויפפאַסונג דאַרף די תורה ניט זוכען באַשטעטיגונגען אויף איהרע וואָרהייטען פון די וועלטליכע וויסענשאַפטען, פאַרקעהרט, די וויסענשאַפטסלייט דאַרפען זוכען צו באַשטעטיגען זייערע באַהויפטונגען פון דער תורה. ער איז אַזוי ווייט געגאַנגען אין זיין גלויבען, אַז ער האָט זיך איינמאָל אויסגעדריקט:

„פון וואַנעט ווייסען מיר, אַז מאָרגען וועט די זון אויפגעהן? ווייל ס'שטעהט אַזוי אין דער תורה — יומם ולילה לא ישבותו.“

עס איז אַ דבר ידוע אַז דער חפץ חיים איז געווען קלאָר אין די ספרי קבלה. ער איז געווען ווי אין דער היים אין תורת הנסתר. ער פלעגט אָפּט־מאָל ציטירען גאַנצע מאמרים פון דער הייליגער מיסטישער ליטעראַטור. דאָך האָט ער פאַר זיינע אַנשויאונגען אין אידישקייט זעהר זעלטען געזוכט אַ שטיק־פונקט אין די סודות'דיגע אויסטייטשונגען פון דער תורה. אין די רמזים וועלכע ליגען איינגעוויקעלט אין איהרע אותיות, נקודות און תגים. פאַר איהם זיינען גענוג געווען די קלאָרע און דייטליכע פסוקים פון תנ"ך און די אונצעהליגע מאמרי חז"ל אין וועלכע ער איז געווען קלאָר אויף אויס־וויינינג. אויף זייערע יסודות האָט ער געבויט דעם בנין פון זיינע איבערציי־גונגען שטאַרקער און פעסטער ווי אַלע פילאָזאָפישע און זאָגאַר מאַטעמאַ־טישע בנינים אין דער וועלט פון אַלגעמיינער קולטור און ציוויליזאַציע.

ער פלעגט אָבער שטענדיג אויך באַטאָנען אַז יעדער אות אין דער תורה האָט אַ טיעפע באַדייטונג. די תורה איז דער פּלאַן פון דער וועלט. אַזוי ווי אַן אַרכיטעקט בויט אויף אַ בנין לויט אַ פריהער געמאַכטען פּלאַן, אַזוי האָט אויך דער רבונו של עולם באַשאַפען די וועלט געביידע לויט אַ פאָראויס צוגעע־גרייטען פּלאַן. „כביכול האָט זיך איינגעקוקט אין דער תורה און האָט באַשאַ־פען די וועלט (בראשית רבה א'). אויב מען פאַרפעהלט עפּעס פון דעם פּלאַן קומט דאַן דער בנין אַרויס אַ צעשעדיגטער און אַמאָל פעהלען אין איהם די וויכטיגסטע פונדאַמענטאַלע טיילען, אַבוואָהל אויפ'ן פּאַפּיר זיינען זיי פאַר־צייכענט בלויז דורך קליינע פּינטעלאַך וועלכע דער איינפאַכער מענש באַ־מערקט קוים. אַזוי אויך יעדער אות פון דער תורה באַווייזט אויף אַ טייל פון דער וועלט. דעריבער אויב ס'פעהלט אין ספר תורה זאָגאַר איין אות איז דער ספר פסול. אַזוי ווי דער תנא רבי ישמעאל האָט אויפמערקזאָם גע־מאַכט רבי מאיר'ן וועלכער איז געווען אַ סופר: דיין פּראָפעסיאָן איז אַ הייליגע, זיי פאָרזיכטיג, מיין זוהן, ניט צו פאַרפעהלען, אָדער צוגעבען איין אות, ווייל דורכדעם קאָנסטו חרוב מאַכען די וועלט (עירובין י"ג ע"א)“.

מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגען פלעגט דער חפץ חיים תמיד ריידען וועגען דער אונשעצבאַרער ווערדע פון דער תורה. ער פלעגט באַדויערען די קליינע צאָל מבינים אויף דער תורה. ער פלעגט זיך אָבער טרייסטען מיט דעם גע־דאַנק אַז וואָס אַ זאַך איז זעלטענער און טייערער אַלץ ווינציגער מבינים

זיינען פאַראַן אויף דעם. און די תורה איז דאָך „יקרה מפנינים", זעלטענער ווי דער שעהנסטער פערל און קאָסטבאַרער ווי דער טייערסטער בריליאַנט.

וועגען דער קליינער צאָהל ישיבה בחורים וואָס געפינען זיך היינט פראַ־פאָרציאָנעל אין דער וועלט פלעגט ער נעמען אַלס עקזאמפעל זיין אייגענע ישיבה מיט איהרע תלמידים וועלכע לערנען היינט מיט פיעל מעהר מסירת נפש ווי די אַמאָליגע, אויסשטעהענדיג נסיונות און שטערונגען פון די פרייע וועלכע אַרבייטען מעשים זיי אָוועקצורייסען פון דער תורה. „וואָס איז די נפקא מינה, צי איינער האָט אַ גאַנצען קאָמאָד מיט זילבער, צי איינער האָט אין איין קעסטעלע אַ בריליאַנט ? ס'איז אַלץ איינס.ביים אויבערשטען זיינען דאָס ביסעל בני תורה חשוב אַזוי ווי אַ סך".

עס פלעגט זיין מרגלא בפומיה: „מה אהבתי תורתך, כל היום היא שיחתי", — אַ זאַך וואָס מ'האָט שטאַרק ליב גלייכט מען צו ריידען וועגען דעם כסדר". אויך וואָס מעהר מען רעדט אין תורה אַלץ גרעסער און שטאַרקער ווערט די אהבת ה'. אַזוי ווערט טאַקע ערקלעהרט אין „ספרי": — אייגענטליך ווי אַזוי פאַרזאָגט די תורה „ואהבת את ה', ליבע איז דאָך אַ געפיהל זאַך, אויב ס'פעהלט ביים מענשען אַזאַ רגש קאָן דאָך עס ניט געשאַפען ווערען דורך אַ באַפעהל ? דער ענטפער ווערט אָבער געגעבען גלייך אין נעקסטען פסוק — „והיו הדברים האלה על לבבך, ושננתם לבניך ודברת בם", ד. ה. דורך רעדען און לערנען די תורה קומט מען ממילא צו צו אהבת השם, דער גע־פיהל ווערט דאָן פון זיך זעלבסט ענטוויקלעט (דברים ו').

עס איז קיין וואונדער ניט וואָס זייענדיג ביים חפץ חיים פלעגט מען פייערען דעם יום טוב פון קבלת התורה מיט אַן אונגעהויערע חדוה ושמחה. שבועות, דער מוח און נשמה פון אַלע אידישע ימים טובים, איז באַטראַכט געוואָרען אַלס דער פאַסיגסטער ישיבה יום־טוב (אי לאו האי יומא דקא גרים כמא יוסף איכא בשוקא, פסחים ס"ח).

ערב שבועות פלעגט מען צורוקען אַלע בענק צו די ווענט איינע אויף דער אַנדערער מיט די שטענדערס אויף זיי, און דער צענטער פון דעם גרוי־סען ישיבה זאַל איז געבליבען ליידיג כדי אַלע זאָלען קאָנען הוליען און טאַנ־צען אונגעשטערט. די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט די פאַרשידענע טע־נער און קלאַנגען פון נגינה. די נגונים אַזוי ווי זייערע זינגער האָבען דורכ־געמאַכט אַ סאָרט קיבוץ גליות. עס האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען גלות שמערץ מיט גאולה שטרעמונגען, משיח בייַנקעניש און בטחון, פאַרצווייפלונג און

האָפנונג, עצבות און שמחה, א. א. וו. דער קאווקאַזער פּרוש מיט זיין אָריענטאַלישע דבקות׳דיגקייט, דער אוקראַינער מיט זיין צער און ברייט־האַרציגקייט, דער בעסאַראַביער מיט זיין וואַלכישע געשלענגעלטע הימעל־קלעטערינג, דער רוסישער מיט זיין וואָלגא אָפענהאַרציגקייט און עקשנות׳דיגע אויסגעהאַלטענקייט, דער דייטשער מיט זיין ערנסט און פּינקטליכקייט, דער פּוילישער מיט זיין חסיד׳ישע שמחה און התפשטות הגשמיות, דער חב״ד׳ניק מיט זיין פּנימית־שפּבנימיות׳דיגקייט און עולמות עליונים׳דיגען עקסטאַז, דער ליטוואַק מיט זיין אומעט, פּשטות און קאַלטקייט, אַלע קולות האָבען געפונען זייער ריטמישען אויסדרוק אין איין האַרציגע און זיסע האַרמאָניע, וועלכעס האָט אַלעמען טיעף באַגייסטערט און דערהויבען אין אַנדערע וועלטען.

די פרעהליכקייט איז געווען אין לשער. דער חפץ חיים פלעגט פונדער־ווייטענס שטעהן זיך צוהערען און צוקוקען און זיין פּנים פלעגט שטראַהלען פון שמחה. אַלעס און אַלע האָבען געטאַנצט. ס׳האָבען געטאַנצט די תלמידים מיט די ראשי הישיבה און האָבען זיך צוזאַמען זעהר שטאַרק משמח געווען — אַלע אויסער׳ן חפץ חיים. אויף דער פראַגע פון זיינע מקורבים אפשר וועט ער אויך מיטטאַנצען, האָט דער חפץ חיים געענטפערט: „ניין, ווי קום איך? אויף צו טאַנצען אין דער ישיבה בין איך ניט ראוי״...

איינמאָל אַ יום טוב ווען דער עולם איז געוואָרען שטאַרק בגילופין׳דיג האָבען בחורים אויפגעהויבען די ראשי הישיבה אין דער הויך כמנהג הסטודענטען. קיינער האָט אָבער ניט געוואַגט אַזוי צו טאָהן אויך מיט׳ן חפץ חיים אויסער איין בחור, וועלכער האָט איהם אַ כאַפּ געטאָהן און אויפ־געהויבען אין דער הויך. דער צדיק האָט עס אָבער ניט געוואָלט ליידען און האָט שטאַרק מקפיד געווען אויף דעם און האָט זיך כמעט אָנגעבייזערט אויפ׳ן בחור. אַ ווײלע שפּעטער איז ער צוגעגאַנגען צום בחור און איבערבעטענדיג איהם האָט ער באַמערקט:

„פאַרשטעהסט איהר מיך, אַ מענש דאַרף זיך ניט לאָזען הויבען העכער ווי ער אזי באמת...״

דעם שאַרפזיניגען הומאָר און געבוירענעם טאַלאַנט, וועלכע פיעלע בני הישיבה האָבען פאַרמאָגט, האָט אַ סך צוגעגעבען צו דער פיעל פאַרביגקייט פון דער אייגענאַרטיגער שבועות־פייערונג. עס האָט זיך למשל איינמאָל אָויעקגעשטעלט אויף דער בימה אַ בחור, אַ פייערדיגער רעדנער, באַקאַנט אַלס מענדיל בריסקער און האָט פּראָטעסטירט קעגען דעם מנהל הישיבה,

דעם גאון וצדיק, ר׳ הירש לעווינסאָן, בכן דער לעצטער איז ניט ווייטזיכ־טיג געגוג און אַלס מנהל וואָלט ער זיך אויך באַדאַרפט רעכענען מעהר מיט איכות (קוואַליטעט) ווי מיט כמות (קוואַנטיטעט)... „היות עס געפינען זיך צווי־שען די אַמאָליגע תלמידים פון דער ראַדינער ישיבה אַזעלכע באַריהמטע ראשי ישיבה ווי די גאונים ר׳ איסר זלמן מלצר (סלוצק — היינט אין ירושלים), ר׳ אלחנן וואסערמאַן (באַראנאָוויץ) ר׳ אליעזר אידל פינקעל (מיר), ר׳ יוסף כהנמאַן (פּאָנעוועז), ר׳ פסח פרוסקין (קאָברין) א. א. וו. זיי אלע גיבען ארויס יעדען יאָהר צעהנדליגע תלמידים, און שיקען זיי אין ראַדין לערנען. זייערע תלמידים וועלען דאָך שפּעטער אויך אַרויסגעבען תלמידים, און די תלמידים ווייטער תלמידים, „און וואָס מיינט איהר רבי", האָט ער זיך דירעקט געווענ־דעט צו ר׳ הירש׳ן. „איך מענדיל וועל זיין אַ קטלא קניא חלילה, איך וועל אויך שאַפען פאַר אייך תלמידים. נמצא, אַז דאָ טאַנצען ניט קיין הונדערטע. נאָר פיעלע טויזענדער תלמידים, אויב ניט בפועל, בכח געוויס, פרעג איך אייך רבי, פאַר אַזוי פיעל טויזענדער תלמידים איז גענוג דאָס ביסעל משקה און פאַרבייסעכטס?"

אַלע האָבען געלאַכט און דעם דרשן שטאַרק אַפּלאָדירט, און ר׳ הירש האָט מיט אַ גוטמוטיגען שמייכעל איהם גלייך געענטפערט:

„גרייט איהר נאָר מענדיל פריהער צו די תלמידים און איך פון מיין זייט וועל זיך שוין סטאַרען צוצוגרייטען די משקה". — און מען האָט ווייטער גע־הוליעט...

## דער יאָהרצייט פון גר צדק — גראַף פּאָטאָצקי

איינמאָל דעם צווייטען טאָג שבועות אינמיטען אַ התלבות׳דיגען טאַנץ, האָט זיך ר׳ הירש אָפּגעשטעלט און אָנגעפאַנגען ריידען מכח דעם הייליגען פייער פון ריינער אמונה וואָס האָט זיך אָנגעצונדען אין דאָס האַרץ פון גר צדק וועלכער איז צוליב זיין אידישקייט פאַרברענט געוואָרען פון דער קאַטוי־לישע קירכע אין ווילנא דעם צווייטען טאָג שבועות פון יאָהר תק"ט (1749). און דערצעהלט אַזוי:

די ברוטאַלע אינקוויזיטאָרען שפּאָטענדיג פון זייער קרבן, וועלכער האָט זיך איינגע׳עקשנ׳ט און ניט געוואָלט ווערען צוריק אַ קריסט טראָץ אַלע סטראַשונקעס האָבען פאַר דער עקזעקוציע געזאָגט צו איהם:

„דאָ אויף דער וועלט זיינען מיר זיך נוקם אָן דיר, מיר ברענען און בראַ־

טען דיך, דערפאַר דאָרטען אויף יענער וועלט וועסטו זיך שוין אָפּרעכענען מיט אונז".

האָט דער גר צדק מיט אַ רוהיגען און ערנסטען שמייכעל, פריי פון כעס און נקמה, געענטפערט זיינע בלוט דורשטיגע פייניגער אַזוי:

„אַלס יונגער בחור פלעג איך אויף מיין פאָטער'ס גוט, ניט האָבענדיג קיין אַנדערע, זיך שפּילען מיט די פויערשע קינדער. איינמאָל אַרבייטענדיג אַ לאַנגע צייט איז מיר געלונגען אויסצואַרבייטען פון ליים שעהנע צורות פון סאָלדאַטען און האָב זיי אין אַ שורה אַלע אויסגעשטעלט אין גאָרטען. זיינען געקומען די פויערשע קינדער און האָבען מיט זייערע שטיוועל אַלעס צוטראָטען און צוברעקעלט אויף שטויב. ווען איך האָב דאָס אויסגעפונען בין איך א פאַרביטערטער אַריינגעלאָפען צו מיין פאָטער און מיט טרערען אין די אויגען דערצעהלט איהם פון מיין כלומר'שטען אומגליק, פאָדערענדיג אַז ער זאָל די צושטערערס שטרענג באַשטראָפען. אָבער מיין פאָטער האָט אנשטאָט דעם, מיר גאָר גע'מוסר'ט. היות איך בין מעהר געלערנט ווי די פויערישע קינדער דאַרף איך ניט פאָדערען קיין שטראָף פאַר זיי. האָב איך זיך געטראַכט יעצט בין איך טאַקע מאַכטלאָז, דערפאַר ווען איך וועל עלטער ווערען וועל איך זיך שוין נוקם זיין אָן די צושטערערס. ווי פאַרשטעהט איהר, ווען איך בין עלטער געוואָרען איז מיר ווען געקומען אויפ'ן געדאַנק צו נעהמען נקמה פון זיי? וואָס האָבען זיי אַלס אומוויסענדע קינדער דאַן געטאָהן צו מיר, זיי האָבען געבראָכען ליימיגע וועזענס, צוטראָטען בלאָטע!!

„דאָס זעלבע", האָט זיך דער גר געווענדעט צו זיינע באַדריקער, „דענקט איהר אַז אויפ'ן עולם האמת ווען איך וועל זעהן אַלעס קלאָר מיט מיין שכל, וועט מער דאמאלט ליגען אין זינען זיך אָפּצורעכענען מיט אייך, ווייל איהר האָט אין אייער אומוויסענהייט געברענט מיין פלייש, געבראָטען מיינע ביי־נער, וועלכע זיינען ליים און ערד??!...

„אָט דאָס מיינט שטאַרקייט אין אמונה!" — האָט ר' הירש מיט טרערען אויסגעפיהרט.

לז.

# מיט-העלפער

## (ראש ישיבה, משגיחים און משולחים)

כמעט יעדע גרויסע ישיבה פלעגט מאַטעריעל זיין אָפּהענגיג אויף משולחים ,וועלכע זיינען אַרומגעפאָהרען איבעראַל כדי צו זאַמלען די נויטיגע שטיצע פאַר איהר אויפהאַלטונג . עס פלעגט זעלטען פּאַסירען אַז די פּראָמי־נענטע פיהרער פון אַ גרויסער ישיבה זאָלען אַליין אַרומפאָהרען צו שאַפען די מאַטעריעלע מיטלען פאַר זייער אינסטיטוציע.

גאַנץ אַנדערש האָט זיך אָבער געפיהרט די ראַדינער ישיבה זינט איהר גרינדונג אין יאָהר תרכ"ט ביז'ן יאָהר תרפ"א, כל זמן איהר גרויסער מנהל דער גאון וצדיק ר' הירש לעווינסאָן האָט געלעבט, און אַזוי לאַנג ווי דער חפץ חיים האָט זיך געפיהלט ביי זיינע כחות. עס איז אַ בעוואוסטער פאַקט, אַז ביז יענער צייט האָט די ישיבה קיינמאָל קיין אויסערליכע משולחים ניט געשיקט (אויסער אין אַמעריקא ווען דער חפץ חיים האָט אין יאָהר תרע"ב געשיקט אַ משולח צו פאַרשפּרייטען זיינע ספרים האָט ער איהם אויך גלייכ־צייטיג באַפאָלמעכטיגט צו זאַמלען געלד פאַר דער ישיבה). דער חפץ חיים בכבודו ובעצמו איז געווען דער הויפּט משולח פאַר זיין ישיבה. ער פלעגט אין דער באַגלייטונג פון ר' הירש'ן אַליין פאָהרען צו יחידים און זיי פאַראינ־טערעסירען צו העלפען אויפהאַלטען זיין תורה צענטער.

אין זומער פון יאָהר תר"ס איז דורכ'ן חפץ חיים אויפגענומען געוואָרען אין ראַדין אַלס ראש ישיבה און איינער פון די מנהלים הגאון ר' משה לאַנ־דינסקי, באַקאַנט אלס ר' משה קנישינער (זייענדיג אַן איידים פון קניש'ין). ר' משה איז אויף דיזען אַמט רעקאָמענדירט געוואָרען דורך זיין רבי'ן דעם באַריהמטען גאון ר' נפתלי צבי יהודא ברלין (נצי"ב) פון וואָלאָזשין וואו ר' משה האָט געלערנט אַלס יונגערמאַן די אַכט יאָהר צווישען תרנ"ב־תרנ"ט.

ר' משה איז אין וואָלאָזשין באַריהמט געווען אַלס אויסערגעוועהנליכער מתמיד, ממש „לא פסק פומיה מגירסא", ער האָט ווירקליך געלערנט יומם

ולילה. ער איז געווען זעהר באליבט און געשעצטביים נצי״ב און אלס גרויסער רב ומחנך האט דער לעצטער אויף דער בקשה פון חפץ חיים אויסגעקליבען ר׳ משה׳ן אלס די פאסיגע פערזענליכקייט ארויסצוהעלפען ר׳ הירש׳ן אין דער הנהלה פון דער ישיבה אין ראדין.

האט טאקע דער חפץ חיים תמיד שטארק מעריך געווען ר׳ משה׳ן. ער פלעגט איהם רופען „דער אלמער ספרים״. ר׳ משה׳ס בקיאות אין ש״ס און פוסקים איז וואונדערבאר. ער באזיצט אן אייזערנעם זכרון אלס וואס ער האט ווען עס איז געלערנט איז ביי איהם „כמונח בקופסא״. זיינע חדושי תורה צייכנען זיך שטענדיג אויס מיט זייער גראדקייט און קלארקייט, געבויט אויף געזונדע יסודות און געשטיצט אויף שטארקע ראיות און הוכחות פון בבלי, ירושלמי, רמב״ם, גדולי הראשונים והאחרונים.

ר׳ משה באזיצט אלע אייגענשאפטען פון אן אמת׳ען אידישען חכם. זיין כסדר׳דיגע פארטיפונג אין לערנען האבען איהם ניט דערווייטערט פון דער וועלט. ער פארמאגט א טיפע פארשטענדעניס פאר אלע פאסירונגען און איז באקאנט מיט די פארשידענארטיגקייט פון מענשען און זייערע נאטורען.

האבען טאקע אימער די תלמידי הישיבה גרויס פארגעניגען צו פארברייגען מיט ר׳ משה׳ן ניט נאר בעאבאכטענדיג מיט טיפע התפעלות ווי זייער גרויסער רבי שווימט ווי א ריעז און זוכט זיי מיטצושלעפען מיט איהם דורך דער ברייט און לייגג פון ים התלמוד, נאר אויך אויסער די „ד׳ אמות של הלכה״, איז ר׳ משה פאר זיי א קוואל פון פקחות. זיי טוליען זיך צו איהם אזוי ווי קינדער צו א ליבען טאטען. אין זיין סביבה פיהלען זיי זיך היימיש און נאהענט. זיין ליכטיגער הארציגער שמייכעל איז תמיד בכח צו פארטרייבען דעם שטארקסטען אומעט ארייגבלאזענדיג א רוח חיים אין יעדער איינעם.

ר׳ משה׳ס חלק אין דעם וואוקס און דער ענטוויקלונג פון דער ישיבה איז זעהר באדייטענד. קיין שריט סיי אין ישיבה ענינים סיי אין כלל זאכען פלעגט דער חפץ חיים ניט מאכען אהן בעפאר זיך מיישב צו זיין מיט ר׳ משה׳ן. אויף אלע זיינע וויכטיגע רייזעס פלעגט איהם ר׳ משה אפטמאל באגלייטען. דער חפץ חיים דערמאנט איהם אין זיינע חבורים מיט דאנקבארקייט, ווייל ר׳ משה׳ס מיטווירקונג אין שווערע און פארוויקעלטע ענינים, וועלכע האבען געפאדערט „דבוק חברים״ איז באדייטענד.

ספעציעל פלעגט ר׳ משה באַגלייטען דעם חפץ חיים ווען דער לעצטער פלעגט פאָהרען אין די גרויסע שטעדט צו זוכען הילף פאַר זיין ישיבה.

עס קלינגט כאַראַקטעריסטיש חפץ חיים׳דיג, זיינע אייגענע עסקים מיט זיינע ספרים פון וועלכע ער האָט געצויגען זיין חיונה, האָט ער ביסלעכווייז איבערגעגעבען אין די הענד פון משולחים, און ער אליין איז געוואָרען אַ משולח פאַר זיין ישיבה פון וועלכער ער האָט מאַטעריעליש קיינמאָל ניט נהנה געווען, נאָר פלעגט פון זיינע אייגענע פאַרדינסטען אָראָפּגעבען אַ פּראָצענט פאַר איהר אויפהאַלטונג.

אויסער ר׳ משה׳ן זיינען געווען ראש ישיבה, הגאון ר׳ יצחק מאַלצאַן (מחבר פון פיעלע ספרים, ווי דעם סדור „אש ישראל", „ספר שביתת שבת", א. א. וו.), וועלכער איז שפּעטער אוועק קיין ירושלים, און ר׳ אליעזר לופּט. אויך פלעגט זאָגען שעורים הגאון ר׳ ברוך אַלעקסאַטער, וועלכער איז נאָכהער געוואָרען איינער פון די ראשי ישיבה אין סלאָבאָדקע.

די גלאַררייכסטע תקופה פון דער ישיבה׳ס גרויסקייט האָט זיך כידוע אָנגעפאַנגען אין יאָהר תרס״ד מיט דעם אָנקומען אַלס ראש הישיבה פון דעם באַריהמטען גאון ר׳ נפתלי צבי טראָפּ זצ״ל. ר׳ נפתלי האָט גע׳שמ׳ט אַלס איינער פון די גרעסטע ראשי ישיבה.

און אונטער זיין השפעה האָט זיך די ישיבה פיל פאַכיג פאַרגרעסערט. עס האָט זיך דאריבער געפאָדערט פיל אָנשטרענגונג איהר צו באַזאָרגען מאַטעריעליש מיט אַלע נויטווענדיגקייטען. כמעט אין דער זעלבער צייט איז אויפגענומען געוואָרען אַלס משגיח אָדער מנהל רוחני דער באַריהמטער צדיק און טיעפער דענקער און גדול בתורה, ר׳ ירוחם לובאוויטש, 1).

---

1) געבאָרען געוואָרען איז ר׳ ירוחם אין יאָהר תרל״ד אין לובאן (ווייס־רוסלאַנד). אין די יונגע יאָהרען האָט ער געלערענט אין סלאָבאָדקע און נאָכהער אין קעלם, וואו ער האָט מקבל געווען די מוסר׳דיגע השפעה פון ר׳ שמחה זיסל׳ען און ר׳ הירש ברוידא. שפּעטער, שוין אַלס יונגערמאַן זייענדיג, האָט ער געלערנט אין „כולל קדשים" אין דער ישיבת „חפץ חיים" אין ראדין, וואו ער איז אויך אַ קורצע צייט געווען משגיח, ערווערבענדיג זיך אַ גרויסע השפעה אויף די תלמידים. פון דאָרט איז ער אין יאָהר תר״ע — אויפ׳ן פאָרשלאָג פון ר׳ נטע הירש פינקל ז״ל, באַקאַנט אַלס דער אַלטער פון סלאָבאָדקע — געוואָרען משגיח אין דער אַלטער מירער ישיבה, וועלכע האָט אַ דאַנק זיין אָנקומען פאַרצייכענט אַ נייער תקופה פון אַנטוויקלונג און אויפבליה.

מיט׳ן אויסברוך פון דער מלחמה האָט ער אויסגעוואַנדערט, צוזאַמען מיט דער ישיבה, אין פּאָלטאַווא. אין יאָהר תרע״ה, ווען דער באָדען פאַר ישיבות אין רוסלאַנד איז שוין געוואָרען געפערליך, איז ר׳ ירוחם אוועק קיין ליטא, וואו ער האָט איבערגענומען די השגחה אין דער סלאָבאָדקער ישיבה און נאָכהער אַ קורצע צייט אין פּאָנעוויעז.

די ישיבה איז וואָס ווייטער אַלץ מעהר געוואַקסען אין כמות און אין איכות. עס איז שוין אונמעגליך געווען פאַר אַזאַ גרויסע צאָהל תלמידים ווייטער צו לערנען אין׳ם אָרטיגען בית המדרש. עס האָט זיך געפאָדערט אַ ספּעציעלען בנין פאַר דער ישיבה, וועלכער איז טאַקע געשאַפען געוואָרען אין יענע יאָהרען אויפ׳ן זעלבען אָרט וואו עס שטעהט היינט די נייע ישיבה־געביידע. דאָס אַלעס האָט פאַרפיעלפאַכט די הצטרכות׳ן פון דער ישיבה. און דער חפץ חיים האָט עס אליין געשאַפען אָהן דער מיטווירקונג פון משולחים, בלויז מיט דער הילף וואָס ער האָט באַקומען פון יחידים.

לכתחילה האָט דעם חפץ חיים אין זיין ספרים־פאַרקויף אַרויסגעהאָלפען זיין עלסטער איידעם הגאון ר׳ אהרן הכהן. ער פלעגט אַרומפאָהרען זיי צו פאַרשפּרייטען. דער חפץ חיים פלעגט איהם שטענדיג בעטען, אַז וואוהין נאָר ער קומט זאָל ער האַלטען דרשות פאַר׳ן עולם.

דאָס ערשטע מאָל איידער ער איז אַרויסגעפאָהרען האָט ער איהם ערמוטיגט מיט אומגעפעהר די פאָלגענדע ווערטער:

„ס׳קען אויך אפשר איינפאַלען צו דיינקען אַז איהר האָרעוועט אומזיסט, אַז קיינער פון אייערע צוהערער וועלען ניט חוזר בתשובה זיין און אַלע וועלען זיין ווי געווען און אַז אַלץ וועט בלייבען ביים אַלטען. וויל איך אייך דאריבער דערמאָנען אַז אין דעם פּרט דאַרפען מיר זיך אָפּלערנער פון די „פּריצים" וועלכע פאַרשווענדען פיעל געלד און צייט און שפּאָרען זיך ניט קיין מיה אויף יאגד (האָנטינג) און כאַפּען איין וואָלף, איין בער, איין הירש, אָדער איין לייב דאָס איז זייער גרעסטער תענוג.

„כך אַזוי, אויב עס וועט אייך נאָר געלינגען דורך אייערע מוסר דרשות צו כאַפּען איין ר׳ וואָלף, איין ר׳ בער, איין ר׳ הירש, אָדער איין ר׳ לייב, דאַרפט איהר שוין ניט קיין גרעסערען שכר און פאַרגעניגען!"...

---

ער איז צוריקגעקומען ווען די מירער ישיבה האָט זיך אין יאָהר תרפ״ב, צוריקגעקערט אין דער אַלטער היים — פון דאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען די פרוכטבאַרסטע און ערפאָלגרייכסטע טעטיגקייטס־תקופה פון ר׳ ירוחם׳ען, דערהויבענדיג די ישיבה צו איהר גרעסטע שטופע און קאָנצענטרירענדיג אַרום זיך פיעלע תלמידים, וועלכע זיינען געקומען צו איהם פון נאָהענט און ווייט און אויף וועמען ער האָט אויסגעאיבט אַ געוואַלדיג גרויסע השפעה, איינפלאַנצענדיג אין זיי די הייליגע קערנדלאַך פון מוסר און יראת שמים. מיט אַן אויסערגעוועהנליכע ענערגיע און מסירת נפש האָט ער פאָרטגעזעצט זיין הייליגען לעבען ביז דעם לעצטען טאָג פון זיין פטירה, י״ט סיון, תרצ״ו.

דעם חפץ חיים׳ס אַ משולח האָט פאַר זיך געהאַט די אויפגאַבע צו פאַר־שפרייטען צווישען עולם זיינע אידעען און פּרינציפּען וועלכע ער האָט אַרויס־געבראַכט אין זיינע ספרים.

בכלל דאַרף געזאָגט ווערען, אַז דער אידישער היסטאָריקער האָט ביז היינטיגען טאָג ליידער פאַרפעהלט אָפּצושאַצען געהעריג די גרויסע פאַר־דינסטען פון משולח פאַר׳ן אידישען פאָלק. מערקווירדיג איז דער פאַקט, אַז ווען די קאָמיוניקאַציאָנס־מיטלען צווישען די שטעדט און שטעדטלעך זיינען נאָך געווען אין אַ פּרימיטיווען צושטאַנד, ווען גאַנצע ישובים פלעגען זיין פאַרוואָרפען און אָפּגעריסען פון דער גרויסער וועלט, פלעגט דער משולח אַריינדרינגען אין דעם וויטסטען אידישען ישוב ברייננענדיג ליכט, האָפנונג און שטאַרקייט צום גלות־אידען, פאַרבינדענדיג יעדען איינעם מיט׳ן כלל און דעם כלל מיט איהם. ניט אומזיסט פלעגט מען זיך וויצלען אַז אויב עס זאָל אמת זיין, אַז עס איז דאָ ערגעץ אַ טייך „סמבטיון״, אָדער אַז עס געפינען זיך אויף׳ן כדור הארץ די „עשרת השבטים״ וואָלטען שוין די ישיבה משולחים זיי לאַנג אויסגעפונען...

פאַר אַ משולח פלעגט אויסגעקליבען ווערען אַ איידעלער איד, אַ בן תורה און אַ פעהיגער דרשן. גרויס איז געווען די שמחה ווען אַזא סאָרט איד פלעגט זיך באַווייזען אין שטעדטעל. ער פלעגט פּעריאָדיש קומען אַלע יאָהר, און אומעטום זיך געפיהלט צימליך היימיש. מ׳פלעגט איהם איבעראַל באַגריסען מיט כבוד און איהם געבען „שלום עליכם״ אלס אַן אַלט־באַקאַנטען. אין זיינע דרשות פלעגט ער אין ליכטיגע פאַרבען שילדערען די ישיבה, וועלכע ער האָט רעפּרעזענטירט, דעם פאַרגעניגען פון תורה לערנען און דעם תענוג פון איינשאַפען זיך אַ חלק אין דעם, א. א. וו. אויף דער בקשה פון די בעלי בתים פלעגט ער אָפּטמאָל אין זיין דרשה וועקען דעם עולם וועגען זייערע אייגענע קהל׳שע הצטרכות׳ן. זיינע דרשות האָבען אַלעמען דערוואַרעמט און דער־הויבען און זיי געמאַכט צו פאַרגעסען די טרדות און וואָכעדיגע ליידען. אַ דאַנק די אונצעהליגע משולחים און מגידים איז עמי הארצות צווישען אידען געווען אַ זעלטענהייט. דער ישיבה משולח שילדערענדיג זיין אינסטיטוציע, פלעגט אָנצינדען אַ פייער אין די יונגע הערצער פון דער אידישער יוגענד. בחורים זיינען געפאָהרען אין די ישיבות לערנען. אַרבייטער האָבען געגרינ־דעט זייערע חברות צו לערנען לויט זייערע מעגליכקייטען. אידען פלעגען

נאכזאגען ווערטלעך און בעת דער דרשה זאגאר ארויסהעלפען דעם דרשן מיט א פסוק, אדער מאמר.

עס וועט קיין גוזמא ניט זיין צו באהויפטען, אז די ארץ ישראל משולחים האט מען א סך צו פארדאנקען די פרישקייט פון די חלומות וועגען ציון וירושלים.

אויסקלייבענדיג זיינע משולחים צו פארקויפען זיינע ספרים, האט דער חפץ חיים אויסער אנדערע מעלות אויך געזוכט, אז זיי זאלען זיין גוטע רעד־נער, און אלס איינער פון די פונקטען, האט ער זיי פארפליכטעט, אז זיי זאלען דרש׳ען אין יעדער שטאדט, פריי אהן באצאהלט, אלעס אין איינקלאנג מיט זיין גייסט און געדאנקען. פארקויפענדיג זיינע ספרים האבען זיי אויך ניט געטארט נעהמען מעהר ווי דער באשטימטער פרייז.

דעצעהלט הרב ר׳ יוחנן זופוביץ פון טבריה, אז איינמאל איז דעם חפץ חיים׳ס א משולח, קומענדיג אין דער שטאדט וו., איינגעשטאנען עטליכע וואָ־כען אין דער אכסניה פונ׳ם ארטיגען בעל הבית נכבד ר׳ שאול ע״ה. פאר זיין אוועקפאהרען האט מען איהם דערלאנגט א חשבון פאר זיין עסען, טרינקען און שלאפען וועלכעס האט באטראפען שעהנע עטליכע רובעל. דער משולח האט אן איבערראשטער געשטאמעלט אזוי ווי צו זיך אליין: „מילא, מ׳דארף באצאהלען, אבער דאס טרעפט זיך מיר דאס ערשטע מאל אז מ׳זאל פון מיר דעם חפץ חיים׳ס א משולח, בעטען באצאהלט פאר׳ן עסען און שלאפען!“

ווען ר׳ שאול האט דאס דערהערט, האט ער ארויסגעכאפט דעם חשבון און איהם גלייך צוריסען און זיך ענשולדיגט אז „נשים דעתן קלות“, און אז עס פארדריסט איהם אליין אזא זאך. דער משולח איז, זעלבסטפארשטענד־ליך, אוועק א צופרידענער.

ווען דער חפץ חיים האט אין א צייט ארום זיך דערוואוסט פון דעם אינ־צידענט, האט ער גלייך געדונגען א פוהר און איז פערזענליך געפאהרען קיין וו. און מיט תחנונים און טרעהרען קוים גע׳פועל׳ט ביי ר׳ שאול׳ן אז ער זאל נעהמען פון איהם דעם באטרעף פון יענעם חשבון. זאגאר נאכדעם האט ער געהאט גרויס צער פון דער פאסירונג...

אין יאהר תרע״ד איז געווען אין דער העבראישער ווארשאווער צייטונג „הצפירה“, אפגעדרוקט א קארעספאנדענציע פון איינעם, באשולדיגענדיג א בעוואוסטען צדיק (ניט דערמאנענדיג זיין נאמען) וועלכער שיקט משולחים

צווישען אידען, אַז אין דער שטאָדט נאָוויזיבקוב האָט ער דורך איינעם פון זיי פאַראורזאַכט דאָרט אַ מחלוקת.

עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען די אָרטיגע רבנות־שטעלע אויף וועלכער ס'האָט צופעליג אויך קאַנדידאַטירט אַ רב, וועלכער איז פריהער געהאַט גע־ווען דעם חפץ חיים'ס אַ משולח אויף צו פאַרקויפען זיינע ספרים. דער געג־נערישער צד, פון וואנען די קאָרעספּאָנדענציע האָט געשטאַמט, האָט נאַטיר־ליך חושד געווען אַז דער חפץ חיים האָט גענוצט זיין השפּעה, דורך אַ בריעף אָדער אַז אַנדער אופן לטובת זיין געוועזענעם משולח.

דער אמת איז אָבער געווען, אַז דער חפץ חיים האָט פון דעם ענין בכלל גאָר ניט געוואוסט, ווייל כידוע פלעגט ער זיך צוריקהאַלטען שטענדיג פון אימיצען צו רעקאָמענדירען, אויב ס'איז נאָר געווען דער וויטסטער חשש, אַז עס איז דאָ אַ צד שכנגד, אָדער דער קלענסטער ספק אַז עס קען פיהרען צו אַ מחלוקת. דער יונגערמאַן, וויסענדיג דעם חפץ חיים'ס הנהגה, האָט גאָר קיין דרייסטקייט ניט געהאַט פון איהם אַ וואָסערע ס'איז רעקאָמענדאַציע צו בעטען.

דאריבער ווען מען האָט דעם חפץ חיים דערצעהלט פון דער קאָרעספּאָנ־דענציע אין „הצפירה", האָט ער אַ פאַרוואונדערטער באַמערקט:

„איך פאַרשטעה ניט, דער „הצפירה" איז דאָך אַ איד, טאָ ווי אַזוי דער־לאָזט ער עס שרייבען אַזעלכע שקרים?"...

דורך זיינע משולחים זיינען זיינע ספרים און אידעאַלען פאַרשפּרייט גע־וואָרען אין די וויטסטע שטעדט פון אידישען ישוב.

לח.

## פקחות און פראַקטישקייט

די גרויסע תמימות פון חפץ חיים איז ניט געווען אַ סאָרט נאאיוויטעט אָדער בטלנות, ווייל ער איז גראד געווען אַ פקח און געהאַט אַ פאַרשטענדניס פאַר דאָס פראַקטישע אין לעבען. ער פלעגט זאָגען: „ס'שטעהט תמים תהי עם ה' אלקיך", אַז מ'דאַרף נאָר זיין אַ תמיד מיט'ן אויבערשטען, אָבער ניט מיט קיין מענשען. אַ חוץ דעם איז ער אויך געווען אַ טיעפער פסיכאָלאָג און גרינדליכע מענשען־קענער. אָהן דיזע קוואַליפיקאַציעס וואָלט ער ניט געקענט שאַפען זיינע וואונדערבאַרע ספרים בעהאַנדלענדיג די הלכות און מדות וועלכע באַריהרען די טאָג־טעגליכע פראָבלעמען פון לעבען, ער וואָלט זאָגאַר ניט אימשטאַנד געווען צו פאַרפאסען זיין אייביג פונדאַמענטאַלע ווערק דעם ספר „חפץ חיים" און „שמירת הלשון" וועלכע ענטהאַלטען אין זיך דעם סער־רום צו באַזייטיגען די גיפטיגע ווירקונג פון „מחלת הלשון" וועלכעס איז אַ רעזולטאַט פון די צווישען־מענשליכע באַציהונגען וועלכע נאָר דאָס לעבען אַליין קען שאַפען. זיינע ווערטער און עצות האָבען אויסגעדריקט קלאָרען שאַרפזינן צוזאַמען מיט פשטות.

דער באַריהמטער לאָמזער רב, דער גאון ר' יהודא לייב גאָרדאָן זצ"ל, האָט אַמאָל דערצעהלט דיזען שרייבער, אַז זייענדיג רב אין אגוסטאוו (סובאל־קער גובערניע), אַן עכט מתנגד'ישע שטאָדט, האָט מען אין יאָהר תרנ"ה פאַרגעשלאָגען דעם כסא הרבנות פון אסטראווע (לאָמזער גובערניע), וועל־כע איז להפך אַן עכט חסיד'ישע שטאָדט. זייענדיג אַ ליטוואק און אַ מתנגד דערצו, האָט ער זיך געשראָקען צו ווערען אַ רב צווישען חסידים.

האָט גראַד פאַסירט אַז דער חפץ חיים איז געקומען קיין אגוסטאוו, איז הרב גאָרדאָן צו איהם געקומען פרעגען אַן עצה. האָט איהם דער חפץ חיים מיט אַ שמייכעל געענטפערט:

„כ׳זעה ניט אײן פאַרוואָס איהר זאָלט זיך צוריקהאַלטען פון אָננעהמען די אסטראווער רבנות. און אַז אסטראווע איז אַ שטאָדט פון חסידים, וואָס־זשע איז? חסידים נעהמען אַביסעל בראַנפען! טאָ, מה רעש? נעהמט מען אויך מיט זיי אַביסעל בראַנפען!"

ווען מ׳האָט איהם אַמאָל געפרעגט צי ער איז אַ חסיד, אָדער מתנגד, האָט ער געענטפערט: „איך בין ניט קיין חסיד און ניט קיין מתנגד, איך שטרעב בלויז צו קענען אָפּהיטען דעם שלחן ערוך".

ס׳פלעגט זיין מרגלא בפומיה: „די וועלט זאָגט, אַז יעדער נאַר איז פאַר זיך קלוג, דער אמת איז אָבער פאַרקערט, יעדער קלוגער איז פאַר זיך נאַריש. און פלעגט אויך באַטאָנען בדרך הלצה: עס שטעהט „ולא תונו איש את עמיתו", כידוע ווערט יעדער מאָל דער וואָרט „את" גע׳דרשנ׳ט עפּעס מרבה צו זיין, טאָ וואָס איז אין דעם פאַל דער „את" מרבה? אַז אַ מענש טאָר זיך אליין ניט נאַרען".

דער חפץ חיים האָט זיך פאַרשטאַנען אויף אַלע סאָרט ערמומיות, וואָס מענשען קענען נאַר געברויכען. ער פלעגט בליציג־שאַרף, פאַרזיכטיג און ביי־סיג קריטיקירען די ידיעות כוזבות און צושטערענדע פלענער פון די געגנער צו אידישע טראַדיציעס.

אין יאָהר תרע"ג האָט זיך דעם באַוואוסטען שריפטשטעלער דוד פרישמאַן פאַרגלוסט צו ווערען אַ פעדאַגאָג און אַן אויטאָריטעט אויפ׳ן געביט פון אידישען חנוך. האָט ער אַרויסגעגעבען אַ ביכעל מיט׳ן נאָמען „התחלת חומש" אין וועלכען ער האָט געוואָגט צו מאַכען אַן אָפּעראַציע אויפ׳ן אַלטען חומש ׳אויסלאָזענדיג און פאַרבייטענדיג ווערטער, פסוקים און גאַנצע שטע־לען. האָט זיך דאמאָלס פיעל געטומעלט אין דער אידישער פרעסע. די קאָנ־סערוואַטיווע משכילים האָבען איהם ניט געשוינט. ער איז זעהר סאַרקאַס־טיש אָנגעגריפען געוואָרען פון הלל צייטלין, אונטער׳ן קעפּעל „משה רבנו און זיין רעדאַקטאָר דוד פרישמאַן" („מאָמענט" ווארשא), אויך פון אנדערע קריטיקער.

ווען מ׳האָט אַן עקזעמפּלאַר פון פרישמאַנ׳ס חומש געבראַכט צום חפץ חיים, האָט ער דורכקוקענדיג עס זיך געוואונדערט ווי אַזוי אַ געוויסענהאַפּ־טער פערזאָן האָט זיך ערלויבט אַזאַ גרינגשעצונג און פאַלסיפיקאַציע. ער האָט דעם חבור גלייך נאָכדעם דן געווען לשרפה, און פאַרעפענטליכט אַ מאמר

אינ׳ם „המודיע״ (עש״ק וערב יוהכ״פ תרע״ד) אונטער׳ן קעפעל „אוי מה היה לנו!״ וועלכער לעזט זיך אין אידיש טיילוויז אזוי:

„וועה צו אונז. צו וואס מיר האבען דערלעבט! מען האט מיר געבראכט א נייעם ביכעל מיט׳ן נאמען „התחלת חומש״ — דורכקוקענדיג עס בין איך איבערראשט געווען צו זעהן אזא סארט ווערק. דער פארפאסער האט זיך גענומען די העזה אויסצולאזען וויכטיגע פסוקים זאגאר בנוגע מעשה בראשית. יעדער זאך וועלכער לערנט אמונה אין אויבערשטען און שילדערט די גרויסקייט פון אונזערע אבות, האט דער מחבר ארויסגעווארפען (דא קומט א צעטעל פון אלע ארויסגעווארפענע און איבערגעביטענע פסוקים) אזא סארט ווערק גראבט אונטער די יסודות פון אונזער דת און הייליגע תורה. ס׳איז דאריבער א שרעקליכער פארברעכען. מ׳טאר ניט לערנען. איינקוקען, און זאגאר עס האלטען אין א אידיש הויז... מעג דער פערפאסער אנפאלען אדער מלשין זיין אויף מיר. איך שרעק זיך פאר דעם ניט אפ... אפילו אויב איך וועל דארפעןליידען...

„ווי אזוי קען מען צוקוקען גלייכגילטיג צו אזא חוצפה׳דיגע פארשוועכונג פון אונזער הייליגסטע ירושה, זעהן ווי די תורה ווערט געשענדעט און געריסען?!...

„דער גאנצער שטאלץ פון אונזער היסטאריע זיינען אונזערע אבות, וועלכע זיינען לויט דער טראדיציע געווען נביאים... און ער מאכט זיי גאר פאר פשוט׳ע בעלי בתים!... מיט דער צייט קען זיך נאך ענטוויקלען א גרעסערע געפאהר. נעהמענדיג אין אנבעטראכט אז א גרויסע צאהל קינדער לערנען היינט בלויז ביז אכט־ניין יאהר, וועלען די לעהרער, באנוצענדיג זיך מיט׳ן ביבעל אלס ספר למוד (אזוי ווי אמאל די ערב רב מיט׳ן עגל — אלה אלהיך ישראל) מאכען זיי צו דיינקען, אז דאס איז עס דער אידישער חומש, די תורה פון פאלק ישראל. דאס וועט איינגעקריצט ווערען אויף די מחות פון די קינדער, איז זיך לייכט פארצושטעלען אז קוים וועלען זיי שפעטער הערען א ציטאטע פון חומש וועלכעס געפינט זיך ניט אין דיזען ביכעל, וועלען זיי זאגען, אז עס איז אן אויסגעטראכטע הוספה...״

קומענדיג איינמאל אין דער שטאדט ב. איז ער געווען דער אורח פונ׳ם ארטיגען רב. די רבי׳צין איז געווען איבערגליקליך צו האבען אזא טייערען גאסט. זי האט פון פריהמארגען אן צוגעגרייט א בכבוד׳יגע סעודה. זייענדיג פארנומען מיט די הכנות האט זי פארגעסען אנצוזאגען דער דינסט אז זי האט

שוין די זופּ געזאַלצען. די דינסט וועלכע איז געווען פאַרטהאַן האָט זיך מורז געווען און אויך אַריינגעטהאָן זאַלץ אין דער זופּ.

ביים מאָלצייט האָט מען נאַטירליך דערלאַנגט דעם ערשטען טעלער זופּ דעם גאַסט, האָט זיך דער חפץ חיים געמאַכט ניט וויסענדיג וועגען די געזאַל־צענקייט און האָט אָהן אַ קרים אויסגעטרונקען די זופּ. דאגעגען ווען דער רב האָט פאַרזוכט אַ לעפעל פון זיין טעלער, האָט ער זיך פאַרקרימט און אָוועקגערוקט די זופּ אָן אַ זייט, און האָט אַן איבערראַשטער געקוקט אויף זיין גאַסט, וואונדערנדיג זיך ווי אַזוי דער לעצטער קען עס עסען. האָט דער חפץ חיים אָנגענומען דעם רב ביי זיין האַנד און זיך ביי איהם געבעטען ער זאָל זיך גאָר ניט וויסענדיג מאַכען נאָר אויסטרינקען די זופּ. „כ״פאַרשטעה, אַז זייענדיג בהול צוליב דער מצוה פון הכנסת אורחים האָט מסתמא די דינסט פאַרגעסען און אַריינגעשאָטען צוויי מאָל זאַלץ. אויב זי וועט דאָס אויסגע־פינען וועט זי זיך מצער זיין און די רבי׳צין וועט אויך האָבען פאַרדרוס, ס׳קען נאָך אַמאָל אויך קומען צו אַן איבעררייד צווישען דער רבי׳צין און איהר. לאָ־מיר זיך דאריבער ניט וויסענדיג מאַכען פון דעם, נאָר אדרבא, זאָגען אַז די זופּ איז געווען געשמאַק״.

ווי ס׳איז שוין פריהער דערמאָנט געוואָרען איז דער חפץ חיים ניט געווען קיין מיסטיקער. ער איז אויך ניט געווען קיין בעל חלומות. ער האָט געלעבט אין פאָלק פאַר׳ן פאָלק און מיט׳ן פאָלק. ער האָט געהאָט אַ חוש פאַר יעדער אַקטואַליטעט. אַלעס וואָס האָט פּאַסירט אין אידישען לעבען האָט איהם פאַר־אינטערעסירט. ער איז געווען דורך און דורך אַ פּראַקטישער איד און אויסער־געוועהנליך מסודר׳דיג אין אלע זיינע אונטערנעהמונגען און טהעטיגקייטען. פון איבעראל פלעגען מענשען שטראָמען צו איהם נאָך עצות און ברכות. זיינע קורצע תשובות וועלכע ער האָט ניט ווילענדיג געענטפערט, האָבען כמעט איבער ענטהאַלטען טיפע חכמה און פאַרשטענדניס. דער לעזער וועט פון די פאָלגענדע עפּיזאָדען האָבען די שעהנסטע אילוסטראַציעס.

איינמאָל איז צום חפץ חיים געקומען אַ פאָטער, אַן עלטערער איד, כדי איהם צו פרעגען אַן עצה. היות, מ׳האָט איהם מציע געווען פאַר זיין טאָכטער, אַ דערוואַקסענע מיידעל אַ שידוך מיט אַ געוויסען בחור וועלכער באַזיצט אָבער ניט די אַלע מעלות וועלכע ער האָט די גאַנצע צייט געזוכט, צי זאָל ער טהאָן דעם שידוך, אָדער וואַרטען פאַר אַ שעהנערען חתן?

האָט איהם דער חפץ חיים געענטפערט בזה הלשון:

„אַ איד זוכט צו קריגען אַן אתרוג וואָס זאָל זיין אַ מהודר. ער איז גרייט ס'זאָל איהם קאָסטען פיעל מעהר געלד אבי ער זאָל קענען קריגען אַ שעהנעם אתרוג אָהן אַ שום פלעק. ווען אָבער איז עס אַלץ גערעדט געוואָרען, אויב ס'איז נאָך דאָ אַ שטיק צייט בעפאָר יום טוב, דאַן קען זיך פאַרגינען צו קלייבען. אויב אָבער ס'איז שוין ערב יום טוב, און קיין צייט איז מעהר ניטאָ, נעהמט ער דאַן וואָס עס קומט צו דער האַנט. דאָס זעלבע איז אויך מיט אייך", — האָט ער אויסגעפיהרט — איהר זייט שוין אָהן הרע אַן עלטערער איד און אייער טאָכטער איז דאָך שוין לאַנג „הגיעה לפרקה", דארפט איהר שוין דאַריבער מעהר ניט קלייבען אויב דער שידוך איז נאָר עפּעס ביים וועג" 1).

אַ פאַרביטערטער איד, אַ מחוסר לחם איז צו איהם געקומען מיט אַ בקשה און איהם דערצעהלט אַז ער פלעגט פריהער ווי־עס־איז פאַרדיענען זיין פרנסה. האָט זיך איהם פאַרגלוסט צו ווערען רייך, האָט ער געקויפט אַ לאָטע־ריי־צעטעל. בעפאָר דער ציהונג האָט ער טאָג און נאַכט געזאָגט תהלים און תפלה געטהאָן, אַז דער אויבערשטער זאָל איהם באַגליקען מיט אַ געווינס. האָט פאַסירט, אַז ער האָט מיט מזל געוואונען צוואַנציג טויזענד רובעל. די סומע האָט זיך אָבער ביי איהם ניט געהאַלטען. ער האָט עס ענדליך אין גאַנ־צען פאַרלוירען אַזוי אַז איצט האָט ער ניט מיט וואָס אַ טאָג איבערצולעבען.

דער חפץ חיים האָט איהם מיט אַ קרעכץ געענטפערט אַז טראָצדעם וואָס ער פערזענליך איז זיך שטאַרק מצער און האָט סימפאַטיע מיט איהם אין זיין אומגליקליכע לאַגע, קען ער פאַר איהם ליידער גאָרניט טהאָן, ווייל האָט ער איהם ערקלעהרט, אין ספר „חסד לאברהם" ווערט געבראַכט אויפ'ן מאמר חז"ל, אַז פאַר'ן געבורט פון קינד ווערט אין הימעל באַשטימט צי דער מענש זאָל זיין אַן עשיר, אָדער אַן עני, ווערט גלייכצייטיג אויך באַשטימט וויפיעל ער זאָל פאַרדינען יעדע וואָך אויף זיין פרנסה. און ווענדענדיג זיך צו איהם, האָט דער חפץ חיים אויסגעפיהרט: „אַז איהר האָט פאַרדינט אויף חיונה, טאָ וואָס־זשע האָט איהר בעדאַרפט מאַטערען דעם רבונו של עולם מיט אייער לאָטעריי־צעטעל?"

---

1) צו אַ באַיאַהרטען תלמיד הישיבה וועמען ער האָט איינמאָל אויסגערעדט וואָרום ער טהוט ניט אַ געוויסען שדוך וועלכען מ'האָט איהם גערעדט, און דער לעצטער האָט האַלב שטאַמלענדיג אין אַ שעמעוודיגער זיך פאַרענטפערט אַז די מדוברת איז ניט אַזאַ יפת תואר, האָט דער חפץ חיים באַמערקט: „איך פאַרשטעה ניט, ס'איז דען אַן אתרוג וואָס עס מוז זיין אַ הדר מיט אלע פּיטשעווקעס!"

„נו, האָט איהר מיט אייערע טרעהרען און תפלות גע׳פועל׳ט ער זאָל נעהמען אייערע פארדינסטען פון אַלע צוקינפטיגע יאָהרען און עס אייך מיט איינמאָל אַוועקגעבען, האָט איהר דאָך שוין אייערס אָפּגענומען, טאָ וואָס קען איך שוין פאַר אייך יעצט טהאָן?״

פלעגט טאַקע אימער זיין שיטה אַזוי זיין, אַז מעהר ווי עס איז פאַר איינעם באַשטימט געוואָרען פון דער השגחה קען ער ניט ערוואַרטען צו קריגען.

איינמאָל זיינען צוויי ברידער, וואלד־סוחרים, געקומען צום חפץ חיים כדי צו פרעגען אַן עצה אויב זיי זאָלען קויפען נאָך אַ וואַלד אין שכנות מיט דעם וואָס זיי באַזיצען שוין, און פון וועלכען זיי האָבען שוין פארדינט פינף־און־צוואנציג טויזענד רובעל.

אויסערהערענדיג זייער ענין האָט ער צו זיי געזאָגט: „וואָס הייסט איך זאָל אייך געבען אַן עצה? ווי אַזוי קום איך צו פאַרשטעהען אייערע מסחרים? איך וועל אייך אָבער דערצעהלען אַ מעשה. איינער האָט געהאַט אַ פעסעל וויין, האָט ער אַריינגעזעצט אַ שפונד כדי עס אויסצוצאַפּען, האָט איהם זיין שכן געגעבען אַן עצה אַז ער זאָל אַריינזעצען אַנאַנדער שפונד פון דער אַנדערער זייט וועט דאמאלט געהן אין דער זעלבער צייט מעהר וויין. האָט איהם דער אייגענטימער געענטפערט: וואָס איז מיר די פעולה אַז צאַפּענדיג פון ביידע זייטען וועל איך אַרויסקריגען דיזעלבע וויין שנעלער, אַז מעהר וויפיעל ס׳איז דאָרט פאַראַן וועל איך סיי־ווי־סיי ניט האָבען. דערהויפט, ברודערקע, גיב מיר אַן עצה ווי אַזוי צו פאַרמעהרען די קוואַנטיטעט פון וויין״... דער נמשל איז זעלבסטפאַרשטענדליך.

כך הוה, די ברידער האָבען טאַקע דעם וואַלד ניט געקויפט. אָפּגעקויפט האָט איהם גאָר אַ פוילישער פריץ. איז גראד געוועזן אַ שלעכטער רעגענדיגער סעזאָן, האָט ער, ניט קענענדיג די האָלץ אַרויספיהרען פון וואַלד, פאַרלוירען זיין גאַנץ פאַרמעגען און פון צרות בעגאַנגען זעלבסטמאָרד.

צו אַ בעל־עגלה וועלכער האָט איינמאָל פאַר איהם געוויינט מיט ביטערע טרעהרען.

„רבי׳נקע, אין פארלויף פון א קורצער צייט זיינען ביי מיר דריי פערד געפאַלען! רבי, מיינע ברויט געבער!״ האָט ער כליפענדיג געשעפּטשעט.

האָט דער חפץ חיים מיט אַ טאָן פון רחמנות און האַרציגע סימפּאַטיע איהם איבערגעהאַקט. „חלילה, וואָס רעדט איהר! די פערד זיינען געוועזן אייערע ברויט־געבער? איהר האָט פאַרגעסען אַז דער רבונו של עולם איז דער זן

ומפרנס לכל..." „נארישע מענשען", — האט דער חפץ חיים אפזיפצענדיג גע־רעדט אזוי ווי צו זיך אליין: — „אנשטאט השי"ת, בעטראכט גאר דער בעל עגלה דעם פערד אלס זיין שפייזער, דער סטאליער די האלץ (האומרים לעץ אבי אתה), און דער שניידער מיינט אז זיין מאשין איז זיין ברויט־געבער... אויב די פערד זיינען ברויט־געבערס איז שוין קיין וואונדער ניט וואס זיי פאלען!"

ווען אן אנדער בעל עגלה האט זיך פאר איהם באקלאגט אויף זיין ביטע־רע פרנסה, באשר ער הארעוועט שווער און פארדיענט קוים גענוג צו שפיי־זען זיין פערד. האט דער חפץ חיים בעת מעשה א פארטראכטער זיך אזוי ווי אויפגעכאפט פון א דרעמעל, און באמערקט:

„וועה, וועה, וויפיעל מענשען מאטערען זיך נעביך זייער גאנץ לעבען בלויז צו שפייזען זייער פערד (דעם גוף)!"

אזוי פלעגען קומען צום חפץ חיים אלערליי מענשען, תלמידי חכמים, סוחרים, בעלי מלאכה, אידעלע און פראסטע פון אלע קלאסען און שיכטען. פאר יעדען איינעם האט ער געהאט א ווארט פון טרייסט און האפונונג, אדער נשמה־ריהרענדע מוסר־ווערטער וועלכע פלעגען ערוועקען א הרהור תשובה און א געפיהל פון חרטה אויף בעגאנגענע פעהלערען און האט געהאלפען פארשטארקען דעם בטחון און אמונה פון יעדען איינעם.